# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 11 (העפט 130) עלפטער יאָרגאַנג נאָוועמבער 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט:

אין לעצטן מאָמענט!.............................** 1
דער קאָנגרעס באַשליסט... (נישט־פּאַרטיי פּאָליטישע
באַטראַכטונגען)..........................אליהו פאלושאק 3
סך־הכלען און אויסבליקן.....................ד"ר. יעקב י. מייטליס 7
ווי אַזוי מען האָט זיך אויסגעזעצט (המשך קאַפּיטל פון ראָמאַן
שבעה)......................................לעאָ קעניג 15
רחל די חלות (דערציילונג)......................מאַרקס קאַהען 19
אַ פענסטער אין שאָרדיטש (רעמיניסענסן)........בן־א. סאָכאַטשעווסקי 24
אין ווינט און אין רעגן, רבי מאירס געבעט (לידער)........א. נ. שטענצל 29
משה עובד דער באַזינגער פון מיסטעריען.............יוסף הלל לעווי 34
דער באַשאַפער שרייט אויס (רעצענזיע)..............מאַטעס דייטש 40
פיינע בילדער אויסשטעלונג פון אַ באַשיידענעם קינסטלער..י. א. ליסקי 43
אַ יידישע חתונה (בילד)............................נאַטאַן הענדל 45
קורץ־פרייטיק אויף אַ ברית (פאָלקלאָר־מעשה)....יחזקאל נח ערלעכמאַן 46
דער ליטעראַרישער קאָנצערט פון „פריינט פון יידיש לשון"
דער קאָנצערט פון שולמית בן־יחיא.....................ש. 47
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס............ 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאָנעמענטס־פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

# CAMEO CORNER

## ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

# אַ בואָן לשלום פאַר צבי אָרנשטיין

צבי אָרנשטיין, דער באַקאַנטער העברעאישער פּעדאַגאָג אין לאָנדאָן און אונזער מיטאַרבעטער, וועלכער האָט געוויילט אייניקע חדשים אין ישראל, אַזוי ווי אונזער מיטאַרבעטער אין ישראל ש. ערנסט טיילט אונז מיט, איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן אין דער פּרעסע און צווישן זיינע טשאָרטקאָווער לאַנדסלייט מיט גרויס כבוד, איז צוריקגעקומען פון זיין נסיעה קיין ישראל.

לויט ווי מיר הערן גרייטן זיך זיינע טשאָרטקאָווער לאַנדסלייט אַרויסצוגעבן אַ בוך איבער טשאָרטקאָוו, אין ביידע לשונות, אין יידיש און העברעאיש, אין וועלכן אָרנשטיינס באַקאַנטע טשאָרטקאָווער דערציילונגען, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין אַמעריקע אין „פאָרווערטס", אין לאָנדאָן אין דער „צייט" און „לשון און לעבן", אין פּאַריז אין „אונזער וואָרט" א.א. וועלן פאַרנעמען אַ בכבודן פּלאַץ. מיר זאָגן אונזער פריינט, אין וועלכן מיר נויטיקן זיך צו אונזער אַרבעט, אַ האַרציקן ברוך הבאה.

## הרב דוד וואַרשאַווסקי

דער אין לאָנדאָן גוט באַקאַנטער רב דוב וואַרשאַווסקי, אונזער מיטאַרבעטער, וועלכער וווינט איצט אין אַמעריקע, האָט אָנגעהויבן דאָרטן אַרויסצוגעבן „די טשיקאַגאָער צייטשריפט". הרב וואַרשאַווסקי האָט פיל דאָ בייגעטראָגן אין אונזער קאַמף קעגן נאַצי דייטשלאַנד, און איז געווען איניציאַטאָר פונעם „חרם־דייטשלאַנד". ער האָט אַ סך אונז מיטגעהאָלפן צו באַזייטיקן די גאַלאַנץ־השפּעה פון דער יידישער גאַס. מיר ווינטשן אים: זיין אָנהויב דאָרט זאָל זיין אַ מזלדיקער. הרב וואַרשאַווסקי׳ס אַרבעט איז אָן שום ספק אַ גרויס געווינס פאַר קרייזן פון רעליגיעזן־נאַציאָנאַלן יידנטום, אין וועלכן גייסט די צייטשריפט איז.

## מזל טוב

צו דער חתונה פון **פּרץ זילבערבערג** מיט **רבקהלע מילער**, ווינטשן מיר דעם ייִנגן פּאָר מזל און ברכה.

„פריינט פון יידיש לשון".

אַ פאָרגעזונט פאַר **לעאָן** און **מאָלי לאַכער**, די אָנפירער פון אונזער לאָקאַל, פונעם רעסטאָראַן 16 גרייטאָרעקס סטריט, א.1, צו זייער אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

„פריינט פון יידיש לשון".

## „פריינט פון יידיש לשון" גרייטן צו פאַר קומענדיקן חודש

## אַ גרויסן חנוכה־וואָרט־קאָנצערט

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאַר:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 11 (העפט 130) עלפטער יאָרגאַנג נאָוועמבער 1950 לאָנדאָן

## אין לעצטן מאָמענט!

1

קאָנפערענצן, קאָנגרעסן, קול־קורא׳ס, פּראָגראַמען, פּאַראַלן און אַפּילס האָבן אַ טבע, אַז זיי איבערשרייען זיך; זיי בלאָזן זיך אַזוי געוואַלטיק אויף אי׳ן זייער יאַרידיקן צערודערטן געטומל, אין זייער צעשלינגעטער געשעפּטלעכקייט ביז זיי דערגרייכן אַ געוויסן הויך־פּונקט און זיי פּלאַצן — ס׳איז די אַקומילאַציע פון ליידיקע פּענכערס!

און ווער ווייסט צי מיר יידן, —אין אונזער איצטיק גייסטיק ירידהדיקן רודערדיקן יאַריד, — צי מיר האָבן שוין נישט איבערגעכאַפּט די מאָס? וואָרים די געפּאַרן, וואָס לויערן אַצינד איבער אונז שיינען שוין צו זיין די לעצטע און די געפערלעכסטע — דער טומלדיקער געצאַפּל האָט אין זיך שוין אַזעלכע מאָדנע גסיסה־רעפלעקסן! די אימוניטעט (לייענט אמונה!...) וואָס האָט די פאַרשלעפּטע קרענק אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטן, וועט אונז אויך שוין באַלד נישט מער קענען אָפּראַטעווען.

אויסגעליידיקט כמעט זיינען שוין אַלע אונזערע לאָגלען אָנגעפילטע מיט די אַלטע ווייַנען, זיי זענען שוין באַלד גאַנץ ליידיק און אויסגעטריקנט — אויפגעבלאָזענע פּענכערס צום פּלאַצן!

אויב מיר וועלן זיך נישט, — און דאָס ווי אַמשנעלסטן! — קלאָר ווערן אינם ערנסט פונם מאָמענט; אויב מיר וועלן זיך אַצינד נישט גוט צוהערן צום לויטערן טיק־טאַק פונם אייגענעם האַרץ, קאָן עס גאַנץ גוט געמאָלט זיין, אַז אונזער דופק זאָל אויפהערן צו קלאַפּן און מיר זאָלן צומאָל נישט וויסן דערפון, אין דעם יאַרידיקן גערודער פון די קלאַפּנדיקע אָפּיס־טירן אונזערע און די טויזנט שרייב־מאַשינעס וואָס הערן נישט אויף מיט זייער געקלאַפּ אַרום אונז.

עס האָט אונז אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער האַזאַרד פון ביוראָקראַטיזם ווי פון די ביליקע אויסרופערס אויף די מערק, ממש טויב שוין צו ווערן. און ווי פאַר באַקלעבטע צירק־בודעס, פּילט מען זיך ווען מען נעמט די בלעטער פון אונזער פּאַרטייען־„קאָנטראָלירטע" פּרעסע מיט די אָנגעפּיקעוועטע „פּיקטשערס" פון אונזערע „גרויסע" פּאַרטייען־פּערזענלעכקייטן...

אויב מיר וועלן זיך אַצינד פאַרלירן אין דעם לאַבירינט פון די טויזנט ביוראָס און אָפּיס טירן, קאָנען מיר חלילה, אין דעם גייסטלאָזן באַגייסטערטן צעטומלניש און תציל ממות פּושקע געקלאַפּ, בלייבן פּלוצלינג שטיין פאַר אַ טויטן־פּונקט.

עס איז באמת מורא צו האָבן, אַז מיר האָבן שוין פאַרפאַסט, חלילה, דעם לעצטן מאָמענט, — די צוועלפטע שעה! — וואָרים שדים און רוחות טומלען שוין אַרום אונז... האָט מען נישט אין די קאַלטע שולן שוין אויפגערופן די לעצטע מתים?

אָ, די שולן, די סינאַגאָגעס, די דערציאונגס־אַנשטאַלטן אונזערע טויגן שוין אַפילו נישט פאַר אָפענע וויסטאַווע־פענסטער, פאַר די פיליאַלן פון די אַפילן, פון אונזערע אָפיסעס און ביוראָס — די אַפּאַראַטן זענען צו געוואַלטיק, צו גרויס פאַר דער נעבעכדיקער און אָרעמער „אויפמאַכונג".

נאָך איין מינוט, און עס איז אויס געפאַר שוין, ווייל עס וועט שוין זיין נאָכאַלעמען. וואָרים אַן אַפּאַראַט, אַ מאַשין איז אַזוי לאַנג גוט ווי מען שמירט זי, אָבער אַז דאָס ביסעלע אויל ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער און אַז עס איז שוין באַלד נישט דאָ מיט וואָס צו שמירן . . .

2

די געפאַרן זענען אַ סך געפערלעכער און שרעקלעכער ווי מיר אַליין ווייסן עס — ווי דער חולה אַליין ווייסט!

זינט 1933, זינט דעם אָנהויב פון אונזער אומגליק, האָבן אַ גרויסער טייל אַסימילירטע יידן, ממש אָן יעדן פונק פון יידישקייט, אָן טיפערן געפיל פאַר אונזער עקזיסטענץ, — פאַרשווינען, וואָס ביי שנים כתקנים וואָלטן זיי געוועזן געבליבן אויף דער גויאישער גאַס, ווייט פון אונזער אינערלעך לעבן, און מיט אַ ווידערווילן צו אַלצדינג וואָס ס'איז יידיש, — אָט זיי האָבן געפונען צוריק דעם וועג צו דער יידישער גאַס. עס זאָגט זיך אַזוי לייכט „געפונען" — מען האָט זיי אַריינגעטריבן אין יידישן געטאָ אַריין! זיי־אָ די „גרי־אריות", די „אומגעשטעלטע", האָבן דאָס גערופן די יידישע גאַס „געטאָ", נאָך איידער אונזערע שונאים האָבן עס געטאָן...

וואָלט דאָס גרויסע אומגליק זיך נישט געוועזן אויסגעלאָזן מיט דער טאָטאַלער פאַרטיליקונג פונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, וואָלטן די הייפעלעך אַסימילאַטאָרן, די אייראָפּעאישע אינטעליגענץ, די „אומגעשטעלטע"־אָנגעשטעלטע, אויפגענומען געוואָרן און פאַרדייעט געוואָרן פונם טעטיקן לעבן פון דער יידישער גאַס, און זיי, די ביוראָקראַטן און שטודירטע, וואָלטן געוועזן אַ מזל־ברכה, פאַר דעם נישט געאָרדנטן און סדרלאָזן, פאַר דעם נישט פּראַקטישן אומבאַהאָלפענעם שטעטלדיקן פאָלקס־מענטש.

אָבער, אַז די מאַסע, דער האָראָפּאַשענער מענטש איז פאַרטיליקט, דער גייסטיק־פאַרטיפטער, אינערלעך רעליגיעזער און פאָלקסטימלעך־שעפערישער ייד איז כמעט נישט דאָ מער, און זיי די פּראַקטישע, די געאָרדנטע ביוראָקראַטן באַקומען די אויבערהאַנט, נישט נאָר אין די אָפיסעס, נאָר ווי גייסטלעכע און גייסטיקע מנהגים און „טאָן־געבערס" — די „פירער" פון דער יוגנט! — פאַרדייען זיי אַצינד דאָס ביסעלע געבליבענע לעבן אונזערס מיטן „יודאַאיזם" אין זייערע מיילער און מיט זייערע קייענדיקע ציגאַרן... אַז עס גייט ממש אַ רויך!



און אין די לעצטע צוויי יאָר, זינט די עטאַבלירונג פון מלכות ישראל: אַ מדינה, הויך פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע, מיליטער אָרגאַניזאַציע, סטראַטעגיע, מלוכה־אָרגאַניזאַציע — איז „לאָז מיך"! ווער ווי זיי, די „אייראָפּייער", די זיך דרייענדיקע אין פרעמדע קאָרידאָרן און אין פרעמדע אָפיס־פאָטעלן, זענען מער געאייניקט און באַרופן צו אַזעלכע זאַכן . . .

און אָט די „אָנגעשטעלטע"־„אומגעשטעלטע" באַרופענע, אָט די גרי־אריות שטייען שוין כמעט אומעטום ביים רעדל, — און די האַלבע אינטעליגענץ אונזערע, די מיטלויפערס (די בית־מדרש אַנטלויפערס!) שטייען אַרום זיי ווי די קיבוצניקערס, — און אונזער יידיש לעבן דרייט זיך ווי אַ רולעטקע... און אויב עס וועט ווייטער אָנגיין אַזוי, אָנהאַלטן דעם טעמפּאָ, וועלן מיר קו־מען צום „אויסנעמען" — צו יזכור!

פונקט ווי זיי, די „אייראָפּעער" האָבן, מיט זייער רעפאָרם־פּרעפּאַראַטן און אַפּאַראַטן אויסגעליידיקט די שולן פון יעדער יידישער אינערלעכקייט, זיי קאַלט געשטעלט מיט זייער „רעלידזשיאָן", מיט זייער „גאָטעסדינסט" — „לא עלינו"דיק אויסגעשפּיגן און אין גאַנצן אַוועק פון אונז! פונקט אַזוי זענען אונזערע ביוראָקראַטן־מנהגים קאַפּאַבל אונז איבערצולאָזן (אויב „זייאָניזם" אין „איזרעאל" וועט נישט זיין „פּאָפּולער"...) מיט די „בלאַנקס" און פּאַפּיר־בויגנס מיט שרייענדיקע קעפּ, ווען זיי וועלן דערהערן דעם ליידיקן עכאָ פון זייערע קלאַפּנדיקע שרייבמאַשינעס און פון די נישט גאַנץ געפילטע פּושקעס, און זיך לייכט אומשטעלן, צו באַדינען מיט שרייענדיקע קול־קורא'ס אַנדערע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן...

* * *

עס איז דער לעצטער מאָמענט, די לעצטע שעה האָט געשלאָגן, וואָרים פון אונזער גאַנצן לשמה איז שוין געוואָרן אַ שלא לשמה — די פּאָסטנס זענען פאַרטיילט! די אָנגעשטעלטע, דער אַפּישל טרייבט דעם אַפּאַראַט, די מאַשין, דער פירער, דער „מנהיג" האָט נאָך אַזויפיל גייסטיקייט נויטיק, כדי צו קענען פאַרטיילן ריכטיק די כבודים, און מיט דעם לעצטן ביסעלע, וואָס ס'איז נאָך אונז געבליבן, — דאָס געראַטעוועטע קריגעלע בוימאייל מיטן חותם פונם כהן גדול, — שמירט מען דאָס אַפּלויפנדיקע ראָד פון דעם מאַשין.

## אליהו פּאַלושאַק

# דער קאָנגרעס באַשליסט . . .

(נישט־פּאַרטיי־פּאָליטישע באַטראַכטונגען)

די לעצטע געשייענישן אין ישראל, די פאַרשלעכטערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס האָט אויך פאַראורזאַכט דאָרט דעם איצטיקן רעגירונגס־קריזיס, שטעלן אַלץ מער און בולטער אין פאָדערגרונט די וואַלן צום 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אָדער דעם קאָנגרעס אַליין, וואָס זאָל ווערן אָפּגעהאַלטן אין ירושלים אין מאַי 1951.

מחמת די געשייענישן אין די לעצטע 15 יאָר און דעם טראַגישן אומקום פון די גרויסע יידישע ישובים אין מזרח־ און צענטראַל אייראָפּע (אויך נישט צו פאַרגעסן די טיילווייזע פאַרניכטונג פון אַנדערע יידישע ישובים אין די באַלקאַן־לענדער: יוגאָסלאַוויע און גריכענלאַנד, און אין מערב: אין פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע און נאָרוועגן), זיינען ציוניזם אַלס פאָלקס־באַוועגונג און ארץ ישראל אַלס רעטונגס־פּונקט געוואָרן איינע פון די הויפּט־טראַנסמיסיעס, וואָס האָבן ווייטערגעטריבן דעם המשך פונעם יידישן לעבן. עס העלפט דאָ נישט קיין שום אפּלייקענונגען פון מענטשן און באַוועגונגען, וועלכע האָבן תמיד באַקעמפט אַלע שאַטירונגען פונעם ציוניזם. לעבן און גורל האָבן געשאפן די טראַגישע סיטואַציע, אין וועלכער מיר אַלס פאָלק האָבן זיך געפינען אין די לעצטע דעקאדעס. יעדע דיסקוסיע, צי אונדזערע עקזיסטענץ אַלס פאָלק צווישן פעלקער וואָלט אין דער נאָך־מלחמה־פּעריאָדע נישט געקאָנט ווערן געזיכערט אָן אַ מדינת ישראל מיט אַלע די ווייטיקדיקע קאָנפליקטן מיט גרויסבריטאַניע און דער אַראַבישער וועלט איז אילוזאָריש. אילוזאָריש און אומזיניק שוין דערפאַר, ווייל גרויסע מאַסן פונעם יידישן פאָלק און דער שארית הפליטה האָבן אינעם ציוניזם געזעען די איינציקע און לעצטע רעטונג אין זייער נאַציאָנאַלער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער עקזיסטענץ.

איצטער אין דער צייט פון דעם גרויסן קריזיס, וואָס עס מאַכט אַדורך סיי מדינת ישראל סיי די גרויסע יידישע קבוצים אין דער גאַנצער וועלט, (וואָס פילן זיך ווי אויסגעליידיקט פון אַלע גרויסע אידעאַלן פון אַמאָל) און סיי די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען קען צעשמעטערט ווערן די מחיצה־וואַנט פון אַ קולטור־קאַמף, וואָס איז אַ קולטור־חרפה אין דער פּראָגרעסיווער יידישער וועלט, — אַ קאַמף און אַ חרפה, וואָס העלפט קיינעם נישט, דינט קיינעם נישט, נוצט קיינעם נישט, חוץ דעם טייוועל אַליין.

* * *

דער קאָנגרעס באַשליסט . . . יאָ, אָבער איידער דער קאָנגרעס קומט זיך צוזאַמען צו באַשליסן דעם גורל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל, גרייטן זיך די פינף הויפּט־פּאַרטייען פון ציוניזם צו די וואלן. עס איז נאַטירלעך, אַז אין זייערע דעקלאַראַציעס און פּראָגראַם־אויפשטעלונגען זוכן זיי צו איבערצייגן די וויילער, אַז נור זייער פּאַרטיי קען אין איצטיקן מאָמענט פון וועלט־אויפרודערונג לעזן די שווערע פּראָבלעמען פונעם יידישן לעבן אין ישראל און חוץ לארץ. די „דזשוּאיש קראָניקל" פונעם 20־סטן אָקטאָבער האָט אָפּגעדרוקט די וואל־פּראָגראַמען פון אַלע פינף פּאַרטייען. צווישן די שורות פון מאנכע קען מען אַרויסלייענען אַ געוויסע מורא און אומזיכערקייט. אַ מורא און אומזיכערקייט, וואָס קלינגט גאָרנישט אַזוי אומבאטרעכטיקט. רבי קאפּול ראָזען פון דער מזרחי פרעגט: „**וועלן מיר דערלעבן דאָס אויסוואָקסן פון צוויי אפּגעטיילטע גרופּעס: ישראלים** און יידן, די ערשטע — תושבים פון ישראל, מיט אַ קולטור, וואָס אנטוויקעלט זיך אַוועק פונעם יידישן לעבן, וואָס מיר קענען און ווערט אָנגעהאַלטן פון די



יידן אין גלות, די לעצטע (**געמיינט: די יידן אין די גלות־לענדער. א.פּ.**), באַנוצענדיק אַלע מינים לשונות (הויפּטזעכלעך ענגליש) און געפינענדיק יאָר נאָך יאָר אַלץ ווייניקער לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן לעבן און קולטור פון ישראל?" — אין דער פּראָגראַם־דערקלערונג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן געפינען מיר צום סוף דעם געדאַנק, אַז דער קומענדיקער קאָנגרעס וועט האָבן די אויפגאַבע קלאָר צו מאַכן און צו צעמענטירן די גרויסע פּאַרטנערשיפּ צווישן מדינת ישראל און דעם וועלט־יידנטום. „די מלוכה פון ישראל קען זיך נישט אנטוויקלען אָדער אפילו אָנהאַלטן אָן דעם גרויסן פּאַרטנער — דעם יידישן פאָלק אין גלות. יידיש־לעבן אין גלות וואָלט געווען אינהאלטלאז אָן דער יידישער מלוכה".

עס דערוועקט דעם איינדרוק, אַז די פאַרשיידענע פּאַרטייען פון ציוניזם לעבן אונטער דעם דרוק פון אַ מורא פאַר דעם ווערק, וואָס איז מיט זייער הילף געוואָרן געשאפן. די מורא, אַז ס'קען אָדער ס'וועט קומען צו אַ מחיצה און פאַרפרעמדונג צווישן מדינת ישראל און פאָלק ישראל אין דער גאַנצער וועלט, איז שוין אויסגעוואַקסן צו אַ געוויסן מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. די דאָ אויבן געבראַכטע ציטאטן זיינען נאָר אַ שוואַכע אנדייטונג. עס בלייבט אפּצוווארטן, וואָס דער קומענדיקער קאָנגרעס וועט באַשליסן בנוגע די דאָזיקע פראַגן, און ווי אַזוי די באַשלוסן וועלן ווערן אומגעזעצט אין מעשים.

אפילו די רעוויזיאָניסטן, וועלכע האָבן אַ סך פאַרלוירן פון זייער שווונג, פרעגן: „זאָל דאָס וועלט־יידנטום פון איצטער אָן באמת'דיק ווערן געשפּאלטן אין צוויי חלקים: ישראלים אָדער העברייער אין ישראל און יידן אויף דער רעשט וועלט, און אויב אַזוי, וואסערע פאַרבינדונג וועט עקזיסטירן צווישן זיי?"

אָבער מיר קענען צו גוט די אַמביציעס און די „הויך־פּאָליטיק" פון דער דאָזיקער גרופּע. מיר קענען צו גוט זייער שנאה צו פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. פאַר זיי איז אפילו די איצטיקע קאָאַליציע־רעגירונג אָן דער מפּ"מ צו לינק. זאָגט דאָך זייער וואָרט־זאָגער ס. לאַנדמאַן, אַז אַן עקאָנאָמישער רעזשים פון מפּ"י אָדער מפּ"מ אָדער אַן ענלעכער שיטה איז די גרעסטע שטערעניש אין דער אנטוויקלונג פון ישראל. „די שרייענדיקע נויטווענדיקייט פאַר ישראל, וואָס מיר האָבן תמיד באטאנט, איז די פּערזענלעכע עליה פון אינדיווידועלע מיטלקלאַס־יידן מיט זייערע פאַמיליעס, זייער קליינעם קאַפּיטאַל און באַלעבאַטישקייט, און זייערע פעיקייטן. נור יידן, וואָס קענען מאַכן אַ לעבן אין ישראל, קענען ברענגען לעבן קיין ישראל". נור זיי אַליין, זאָגט דער רעוויזיאָניסטישער וואָרט־זאָגער, קענען איבערבריקן די ליקע („געפּ" אין ענגליש) צווישן אימפּאָרט און עקספּאָרט.

עס איז זייער אַן אַרים פּראָגראַם, מיט וועלכן לאַנדמאַן גייט פּעדלען צו די ציוניסטישע וויילער־מאַסן. אויף איינמאָל איז עס די פּערזענלעכע עליה פון מיטלשטענדישע באלעבאטים מיט זייער האָב און גוטס און זייערע פאַכקענטנישן! און וואָס וועט זיין מיט די געיאגטע און פאַרפאלגטע יידישע מאַסן

אין אָפגעשטאַנענע לענדער פון אַמאָל און היינט, דעם הויפט־רעזערוואַר פון דער ציוניסטישער אידייע און באַוועגונג? מען שפירט אַרויס פון זייערע דעקלאַראַציעס די מורא פאַר די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־מאַסן. און דאַריבער די גרויסע חניפה צו די אומפּאָליטישע נישט־געשולטע קליינבירגערלעכע מיטלקלאַס־עלעמענטן.

דער וואָרט־פירער פון דער מפ״י רעדט מיט דעם גאַנצן פרעסטיזש פון אַ פאַרטרעטער פון אַ פאַרטיי, וואָס האָט אַ גרויסן חלק, אַ זייער גרויסן חלק געהאַט אין דער עטאַבלירונג און קאָנסטיטואירונג פון מדינת ישראל און אירע ערשטע רעגירונגען. ער דערמאָנט דעם גרויסן אַנטייל פון פיאָנערן און אַרבעטער אין דעם אויפבוי פון לאַנד. ער זאָגט, אַז די קריזן פון רעכטס באַקלאָגן זיך, אַז די אַרבעטער־פאַרטייען זיינען צו שטאַרק. „ווו זיינען געווען די אַנדערע, ווען די חלוצים האָבן געהאַט די פריווילעגיע צו רייניקן די זומפן און צו ליידן פון מאַלאַריאַ?״

אין פונקט 13 פון זיין פראָגראַם־דעקלעראַציע זאָגט דער ערן־סעקרעטאַר פון דער מפ״י, סידני גאָלדבערג (זע: „דזשואיש קראָניקל״ פון 20.10.50), אַז זיי פאַרלאַנגען „אַן אײנהייטלעך דערציערישן סיסטעם אין ישראל מיט אַלע ספּעציעלע פאַרבאַרייטונגען פאַר די ספּעציפישע באַדערפענישן פון די אַרבעטער־ און די אָרטאָדאָקסישער שולן״. ווערן מיר ערשטענס געוואויר, אַז זיי, די מפ״י, ווילן פאַראייביקן אויך להבא פאַרשיידענע שולסיסטעמען, און אַז צווייטענס זיינען זיך אונדזערע מפ״י־ניקעס דאָ אין ענגלאַנד דיזעלביקע טאַקטישע סטראַטעגיקער אין פאַרטיי־פּאָליטיק, ווי אונדזערע אַלטע פועלי ציון אין פוילן און דייטשלאַנד פון אַמאָל. ווו עס לוינט זיך, געבן זיי דעם פאַרטיידישל אַ דריי נאָך רעכטס, אפילו אין דער ריכטונג פון אָרטאָדאָקסישע שולן, פאַר וועלכע די מזרחי איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין אָן די הילף פון לייבאַריסטן, סאָציאַליסן.

אָבער איך בין נישט אויסן צו פּאָלעמיזירן פאַר און קעגן די פאַרשיידענע אויפגעשטעלטע פאַרטיי־פּראָגראַמען, נור צו שאַפן אַ קלאָר און קריטיש בילד פאַר פראַגן פון וויכטיקן פאַרנעם פאַר אונדז יידן אַלס וועלט־פאָלק, וואָס אַ טייל פון אים איז עטאַבלירט אין אַן אייגענער מלוכה, אַ מלוכה, וואָס אַז זי וויל קען זי זיך דערקלערן אַלס אַן אָרגאַנישן און אינטעגראַלן טייל פונעם יידישן וועלט־פאָלק און טיילן לייד און פרייד, אויפשטיג און אויפבוי מיט אַלע יידישע ישובים פון דער גאַנצער וועלט, און אַז זי וויל, קען זי זיך דערקלערן אַלס אַ גאַנצקייט פאַר זיך אַליין, אַן אייגנשטאַטלעכקייט מיט אַן אייגענער עקאָנאָמיע, פּאָליטיק און אַן אייגענער ישראלישער העברייאישער (עברית׳־יעשער) קולטור, אָפגעבראָכן אַלע בריקן פונעם עבר, אַ קולטור פון סנאָביסטישן סאַבראַ־יזם, כנעניזם, וואָס פייפט אויף די „גלות־קלאַנגען״ פון אַ מענדעלע און פרץ און ביי וועמען אַן אַפּאַטאַשו, לייוויק און בערגלסאָן, און אפילו די פריידיקע און ווייטיקדיקע קלאַנגען פון אַ יצחק קאַצענעלסאָן זיינען פּלעוועס און ווייטער גאָרנישט.



אַלע פאַרטיי־פּראָגראַמען לאָזן אויס גאָר וויכטיקע לעבנס־מאָמענטן, וואָס האָבן אונדז אַנגעשפּאַרט אין אונדזער עקזיסטענץ־קאַמף פאַר די לעצטע דריי דורות. אודאי טרעט מפ״ם, די לינקסטע פראַקציע פונעם קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס, איין פאַר קבוץ גליות, פאַרן וועלט־שלום, פאַר אַן אָריענטאַציע מיטן סאָוויעטן־פאַרבאַנד און זיינע סאַטעליטן, אָבער צו אומקלאָר איז אַלעמענס שטעלונג צו די קולטור־פראַגן פונעם יידישן פאָלק: שולע, פּרעסע, טעאַטער, פאַרווײַלונגען, פאָלקס־כאַרן וכו׳. „מפ״ם שטעלט זיך איין פאַר אַ קולטור־פּאָליטיק, אויפגעבויט אויף די נייע ווערטן, וואָס ווערן איצטער געשאַפן אין ישראל. די פאַרטיי וואַרפט אָפּ רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ און פאַרטרעט די וועלטלעכע מלוכה, פרייהייט פון געוויסן און פרייהייט אויסצואיבן רעליגיע אָדער זיך אָפּצוזאָגן דערפון״. מיט דעם צווייטן טייל מוז יעדער פּראָגרעסיווער ייד, סאָציאַליסט אָדער נישט, זיין מסכים. צופיל אומטאָלעראַנץ און צבועות באַהערשט די יידישע גאַס. אָבער אַ קולטור־פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין אויפגעבויט אויף די נייע ווערטן, וואָס ווערן איצטער געשאַפן אין ישראל, — ווייס איך נאָך נישט, וואָסערע ווערטן דאָס זיינען. דער היינטיקער ישוב מיט זיין איבער אַ מיליאָניקער איינוווינערצאָל איז נאָך נישט אַמאָל אַלט קיין גאַנצן דור. אַלע גייסטיקע אָנפירער, פּאָליטיקער, וויסנשאַפטלער, פּאָעטן און שרייבער פון פאָרמאַט זיינען געקומען פון חוץ לארץ. איך גלייב נישט, אַז דאָס קליינע ישראל האָט שוין גייסטיק געשאַפן דאָס, וואָס זאָל אירע פאַרטיי־פירער און וואָרט־פירער געבן אַ מאַנדאַט, אַז די קולטור־פּאָליטיק פון דאָרט זאָל ווערן ד י קולטור־פּאָליטיק פון אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט. כאָטש איך ווייס, אַז דער ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען איז נאָך נישט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, גלייב איך, אַז אין זייערע רייען פון די גרויסע יידישע קבוצים זיינען דאָ גענוג אויפרירערישע און רעבעלישע עלעמענטן, וואָס וועלן אויף דעם קאָנגרעס קעמפן קעגן אַזאַ מין קולטור־פּאָליטיק, וואָס מוז פירן צו דעסאינטעגראַציע און אויפלעזונג.

---

דר. יעקב י. מייטליס

# סך־הכלען און אויסבליקן

(סוף)

ב.

נאָך פינף יאָר פון אַ כלומרשטן שלום, שטייט די וועלט ווידער אַ צעריסענע, אַ צעשפּאָלטענע, אַן אומרואיקע און אַ פאַראומערטע אויפן ראַנד פון אַ טיפן תהום. וועט אַ נייע קאַטאַסטראָפע אַרומכאַפּן די וועלט, זי ווידער אַמאָל תהומותדיק אויפטרייסלען און איבערלאָזן נאָך זיך אומגליק און פאַרניכטונג? שטייען מיר היינטיקע, אפשר ווי קיין שום פריערדיקער דור, אויפן גורלדיקן שיידוועג פון אַ טראַגישער וועלט, וואָס טראָגט נאָך דעם רעטעניש פון איר ווייטערדיקן קיום טיף פאַרגראָבן אין איר קאָסמישן האַרץ און מיט אַ בלו־

טיקן קין־צייכן אויף איר מרידה־שטערן, אַ וועלט, וואָס קען נישט קומען צורו. ווייסן מיר נאָך כלל נישט צי מיר האָבן דאָ צו טאָן סתם מיט פינצטערע כחות, וואָס קומען פונם סאַמע דנא פון דער מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט, וואָס פאַרשאַפן כסדר דאָס בייזע, דאָס שלעכטע, וואָס קולימינירן סוף כל סוף אין פאַרברעכנס און קאַטאַסטראָפעס. אָדער צי זענען דאָס גאָר סאָציאַלע פענאָמענען, וואָס זענען אַזוי שטאַרק, וואָס זייערע אַקומילירטע פּאָטענצן זענען פון אַזאַ דעמאָנישן כאַראַקטער, אַז זיי מוזן אויסברעכן, פאַרגיסן די מענטשהייט און אַרויסרופן בהדרגהדיקע סאָציאַלע אויפטרייסלונגען און רעוואָלוציעס, וואָס מוזן לחלוטין פאַרענדערן דעם אויסזען פון דער וועלט, איבערבייטן איר מהות און זי פונדאָסניי איבערפורעמען און געשטאַלטן. האָבן מיר יידן פאַר אָט די יסורים פון וועלט באַנייאונג געפונען אַ פּאַסיקע באַצייכענונג פון חבלי־לידה און חבלי־משיח. עס זענען, האָבן מיר געטענהט און דערוואַרט, די ליידן פון גאולה, ווייל אַ וועלט קען נישט ווערן דערלייזט אָן יסורים, פונקט אַזוי ווי דאָס געבן לעבן אַ מענטשלעך וועזן קומט אָן מיט אַ סך יסורים. ווי דאָס זאָל אָבער נישט זיין, קלאָר איז איינס: אויב מען האָט באַצייכנט דאָס 19־טע יאָרהונדערט אַלס יאָרהונדערט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אַזוי וועט דאָס 20־טע יאָרהונדערט אַריינגיין אין דער געשיכטע אַלס דאָס יאָרהונדערט פון סאָציאַלע איבערקערענישן און מאַסן־רעוואָלוציעס.

מען דאַרף באמת זיין בלינד, כדי נישט צו וועלן זעען דעם מעכטיקן פּראָצעס פון יענעם געוואַלטיקן פאָראויסמאַרש פון אָט די סאָציאַלע כחות, וואָס האָבן שוין באַהערשט די ערשטע העלפט פון 20טן יאָרהונדערט און וואָס וועלן נאָך מסתמא אויף אַ לאַנגע צייט אַזוי טאָן. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך נישט נאָר נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אדרבא פאַרשטאַרקט זיין טעמפּאָ. ער רייסט זיך ווי אַ מעכטיקער שטראָם אַלס ווייטער, פאַרכאַפּט מיט שווונג אַלס נייע לענדער און פאַרגיסט מיט אַ ווילדן געברויז אַלס פרישע טעריטאָריעס און וועלט־טיילן. די וועלט שטייט יעצט במזל פון אַ זיך־באַפרייענדיקן אַזיע. פאַר אונזערע אויגן זען מיר ווי איין לאַנד נאָכן אַנדערן ווערט פריי און דער סטיכישער פּראָצעס וואַקסט אין אַלע איבעריקע לענדער. איז דאָס נישט נאָר אַ נאַציאָנאַלער, נאָר אויך אַ סאָציאַלער באַפרייאונג־קאַמף. די פעלקער ווילן נישט נאָר פּטור ווערן פון דעם פרעמדן, אייראָפּייאישן אַפּוטרופּוס, וואָס האַלט זיי אין נאַציאָנאַלער קנעכטשאַפט, נאָר זיי ווילן טאַקע דערמיט ווערן אויך סאָציאַל פריי, זיך באַפרייען פון נויט און עקספּלואַטאַציע און דערהייבן דעם נאַציאָנאַלן און אַלגעמיינעם לעבנס־סטאַנדאַרד. די אויפגעוועקטע שלומערנדיקע כחות לאָזן זיך נישט מער אָפּשטעלן. זיי מאַרשירן פאָראויס. די דינאַמיק פון דער געשיכטע ווייס נישט פון קיין שטילשטאַנד. אַזיע, דער אַלטער זיץ פון הויך־קולטורן, פון וויסנשאַפט, קונסט און רעליגיעס, האָט ווידער אַמאָל אויפגעהויבן איר קאָפּ. אַזיע דערלעבט יעצט דעם אָנהויב פון אַ געוואַלטיקער רענעסאַנס פון יענע זאַפטיקע, שאַפערישע פאָלקס־כחות, וואָס זענען געלעגן טויזנטער יאָרן פאַרבאָרגן און געשלומערט אין דעם פאַרטרוקנטן, שטויביקן באָדן פון דעם אַזיאַטישן מדבר. היינט הויבן זיי אָן פּאַמעלעך אויפצושטייען צו



זייער היסטאָרישן תחית המתים, שטעלן נאָך דערווייל אומזיכערע טריט, אָבער באַלד וועט זיך דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ סימפאָניע פון מיליאָניקע, שטאַרקע, אימפּעטיקע טראָט.

קען גאָר גרייכלעך געמאָלט זיין, אַז „תורה חוזרת על אכסניה שלה“, אַז די אַמאָליקע בלי־צענטרען פון קולטור, פון גרויסקייט און חכמה וועלן צוריק אויפלעבן און איבערנעמען די וועלט־הערשאַפט ווי אין די אַמאָליקע צייטן. איז גאָר מעגלעך, אַז דער מערב (אַלס אַ קולטור און פּאָליטישע גאַנצקייט) וועט נאָך די זעלבסט־פאַרניכטנדיקע מלחמות און קאַטאַסטראָפעס איינשרומפּן און ביסלעכוויז פאַרלירן זיין הערשאַפט, וועט ווערן פאַראָרימט און פאַרגרעבט און אַריינפאַלן אין אַ מצב פון באַרבאַריי, אַזוי ווי דאָס איז געווען זיין גורל איידער די העלעניסטיש־רוימישע קולטור האָט זיך פונאַנדערגעבליט און דערמיט איר עשירות און מאַכט. קען טאַקע געמאָלט זיין, אַז אַזיע וועט נאָך עטלעכע טויזנט יאָר פון אונטערטעניקייט און פּאַסיוויטעט, זיך באַפרייען און ווערן אַקטיוו, זיך צעבליען און איבערנעמען די ממשלה איבער גאָר דער וועלט, און אייראָפּע דער יורד וועט אַרונטערפאַלן אונטער דער אויפגעוואַכטער, גרויסער און מעכטיקער אַזיע. זענען דאָס פּוסטע חלומות, פאַלשע נביאות? ווער קען זאָגן וואָס פאַר אַ וועגן עס גייט די געשיכטע, אין אַ גראַדן וועג צי אין זיג־זאַגן. קען אַמאָל נישט פאָרקומען אַ שנוי אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער וועלט מזרח־וואַנט, און די היינטיקע עליונים (די אויבערשטע) זאָלן זיך מאָרגן גאָר אַראָפּקייקלען און שטיין טאַקע אונטן. קען אַמאָל גרויסקייט נישט צוריקגיין ווי געוועזן און דער קרייז שליסט זיך?

אַפריקע, דער ריזיקער קאָנטינענט, שלאָפט נאָך דערווייל. מען האַלט נאָך דאָרט לאַנג פאַר שחרית. אָבער דער פּראָצעס פון דערוואַכונג וועט אויך דאָרט זיך נישט לאָזן אָפּשטעלן. ער וועט אָנגיין, איינגעמען נייע געביטן, דעראָבערן נייע פעלקער און מיט דער צייט וועט אויך דער מעכטיקער ערד־טייל ווערן באַפרייט, באַפרוכפּערט פון זיינע שאַפערישע כחות און זיך פונאַנדערבליען.

זענען דען בכלל פאַראַן גרעניצן פאַר דער צוקונפטיקער אַנטוויקלונג? זענען די מעגלעכקייטן אויסגעשעפּט? ווייסן מיר לעת־עתה גאָר ווייניק וועגן די פּאָטענצן, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין דעם מין מענטש, צו וואָס פאַר אַ שטופּעס ער קען דערפירן די וועלט, סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן. איז דאָך דער ענגלישער היסטאָריקער און געשיכט־פילאָזאָף טאָינבי גערעכט, בעת ער וואָרענט אונז נישט צו זיין צו האַסטיק אין אונזערע אויספירן מכח געשיכטלעכע דערשיינונגען, ווייל אין דער אמתן ווייסן מיר נאָך גאָר ווייניק. האָבן מיר בס״ה דאַטעס און דאָקומענטן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט אויף דער ערד, דאָס הייסט געשיכטע פון מענטשלעכן מין, בערך פאַר אַ קיילעכדיקע פינף טויזנט יאָר. וואָס איז דאָס אין פאַרגלייך מיט דעם לאַנגן פּעריאָד פון הונדערטער טויזנטער יאָרן פון וועלט־אַנטשטיין און דעם מענטשנס לעבן אויף דער ערד? וויפיל קענען מיר אָפּלערנען פון אָט דעם קורצן פּעריאָד, וואָס מיר רופן אָן מיט מענטשלעכער געשיכטע? היינט ווי קען מען פון אָט דעם קליי־נעם

ווינקעלע מיט אַזאַ שמאָלינקן אויסקוק שליסן אויף אַ להבא, וואָס זיין שפיץ קענען מיר נאָך אַפילו יעצט נישט אַרויסזען? און פונדעסטוועגן זענען מיר עדות פאַר אָט דעם קורצן שפאַן צייט פון אַ געוואַלטיקער שפאַנונג, וואָס ציט זיך ווי אַ לאַנגער רויטער פאָדים פון איין עק מענטשלעכער געשיכטע ביזן אַנדערן. זענען מיר דערפאַר אויך עדות פון עליות און ירידות אין לעבן פון פעלקער, פון חורבן און אויפבוי, וואָס גייט אָן כמעט מיט אַ מאַטעמאַטישער גענויקייט פון איין עק פעלקער־וועלט ביזן אַנדערן. ווייל לעבן הייסט קאָנטינויטעט, דינאַמישער המשך. הפסק דאַגעגן, אָפשטעל, סטאַטיק באַטייט טויט, אויסגעלאָשנקייט. אַזוי אָבער איז לעבן נישט.

דאָס איז אויך דער היסטאָרישער תמצית פון דער דורות־אַלטער שפאַנונג, וואָס האַלט אָן צווישן מזרח און מערב. עס איבערחזרט זיך דאָ ווידער אַמאָל דער זעלביקער נישט־פאַרענדערלעכער פרינציפ פון עליה און ירידה. אַמאָל איז דער מזרח געווען אויבן, דערנאָך האָט דער מערב מיטן זיג פון די גריכן און שפעטער פון די רוימער באַקומען די אויבערהאַנד. אין דעם שטענדיקן קאַמף צווישן די צוויי פאָלאַרע וועלט־כחות האָט אָפט דעם מערב געדראָט פאַרשלונגען צו ווערן פון די שטורעמדיקע כחות פון מזרח. דער מערב האָט דעם שטורעם מיט דערפאָלג אָפגעשטעלט און מיט דער צייט איז זיין קולטור געוואָרן וועלט־קולטור. אָבער אין יעדער קולטור (און ביי היינטיקן טאָג ציילען מיר שוין בערך 20 קולטורען, וואָס זיינען אינצווישן פאַרשוווּנדן) ליגן טיף באַהאַלטן די קערענדלעך פון אינעווייניקסטער סתירה, וואָס פירט צו דעקאַדענץ און אונטערגאַנג פון דער קולטור. הינטער דער טיר שטייט שוין אַ ניי־געבוירענע קולטור, וואָס שפאַרט מיט אַסך יוגנט און פרישע כחות פאָרויס. זי זאָגט אָן דער אַלטער קולטור מלחמה און פרובט פאַמעלעך צו פאַרנעמען אירע פעסט־איינגעפונדעוועטע פאָזיציעס. אַזוי איז דאָס געווען אין דער אַלטער צייט און אַזוי איז עס אויך היינט. דער מזרח מיט רוסלאַנד אַלס זיין רעפרעזענטאַנט האָט, אין נאָמען פון אַ נייער קולטור, אָנגעזאָגט אַ קאַמף דער אַלטער, מערבדיקער קולטור, וויל אונטערגראָבן אירע יסודות, זי אָפשוואַכן און דערנאָך באַהערשן.

איז די שפאַנונג צווישן די מערב־פעלקער און רוסלאַנד שוין נישט קיין נייע. זי עקזיסטירט שוין דורות־לאַנג, בפרט נאָך זינט יענע צייטן, ווען דער צאַריזם האָט אָנגעהויבן באַווייזן בולטע סימנים פון אַן אַגרעסיווער אימפעריאַליסטישער פאָליטיק. דער מצב האָט זיך אונטער דעם באָלשעוויסטישן רעזשים נישט געענדערט. אדרבא, די סימנים זיינען יעצט נאָך דייטלעכער ווי אַמאָל, אַז דאָס היינטיקע רוסלאַנד מיט זיין קאָמוניסטישער שיטה (אַמאָל איז דאָס געווען אַ רוסלאַנד מיט זיינע הייליקע אינסטיטוציעס, דעם פראַוואָסלאַוונעם גלייבן און דעם פאטערל צאַר) וויל באַהערשן די וועלט. אויב דער מערב באַשולדיקט טאַקע רוסלאַנד אין אַגרעסיווע פלענער, שטעלט זיך גאָר רוסלאַנד מיט אַ ירא־שמים פנים און טענהט, אַז דווקא זי איז די באַגזלטע און די באַעוולהטע, וואָס מען לאָזט נישט צורו. ווי דאָס זאָל נישט זיין, די סבה



ליגט אַ סך טיפער אין דעם כאַראַקטער און מענטאַליטעט פון רוסישן פאָלק. איז אפשר דער שוין ציטירטער היסטאָריקער טאָינבי גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די רוסן האָבן פונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער אַ שטאַרקן אתה־בחרתנו געפיל, אַ גלייבן אין זייער גרויסער צוקונפט און אין זייער הויכער, נאָבעלער מיסע צווישן די פעלקער, וואָס גיט זיי דאָס רעכט צו אינטערווענירן אינם גורל פון דער וועלט. אויב דאָס איז געווען אמת פון די צאַריסטישע סלאַוואָפילן, איז דאָס אודאי אמת פונם היינטיקן קאָמוניזם מיט זיין נייער וועלט־דערלייזערישער אידעע.

גלייבט רוסלאַנד אין זיך אַלס אַ מין משיח פון די פעלקער, וואָס האָט אויסצופירן אַ גורלדיקע שליחות, קוקט אויף דעם די איבעריקע, פרייע וועלט מיט אויגן פול מיט חשד און אַ ציטער אין האַרצן. דערפון נעמט זיך די כסדרדיקע שפאַנונג, די צערייצטקייט און נערוואָזיטעט און די מורא פאַר אַן איבערפאַל. קאָמוניזם איז נאָר דער עטיקעט פאַר דעם לאַנגן ביז יעצט אומאַנטשידענעם קאַמף פאַר וועלט־העגעמאָניע. אין נאָמען פון אָט דער שליחות אידעע האָט רוסלאַנד פאַרשטאַנען אויפצורודערן די אַזיאַטישע וועלט, זי צו פאַרשכרון מיט אַ גליענדיקן פרייהייט־גלייבן און זי שטופן אין די פאָדערשטע רייען פון קאַמף. איז דער קאָמוניזם ווי יעדע פרישע, דער צד שכנגד, די מערב־וועלט, אַ ביסל אַ מידע, אַ צעטומולטע און קוקט צו, ווי זי פאַרלירט כסדר דעם באָדן אונטער די פיס. קען זי בלייבן רויק? כאַפט טאַקע די מערב־פעלקער אַרום אַ מורא, ווערן די געבליטן צערייצט, די געפילן צעיושעט. נעמט מען זיך גרייטן און טאַקע שוין נישט אויף אַ קאַטאַוועס צו דעם שווערן קאַמף וואָס וועט, אַזוי טענהט מען, מוזן אַמאָל אויסברעכן און אַנטשיידן דעם גורל פון דער וועלט. ווידער אַמאָל איבערחזרט זיך די איראָניע פון דער געשיכטע: דער צוועק הייליקט די מיטלען! איז מען שוין גאָרנישט איבערקלייבעריש, פרובט מען צו טאָן אַלץ, כדי אַרויס מיט נצחון פון דעם קאַמף.

איז די לאַגע, ווי מיר זען זי יעצט, אַ קריטישע און אַן אָנגעשטרענגטע. קען חלילה דאָס פייער פון מלחמה אויסברעכן און אַרומכאַפן אַלע פיר עקן וועלט, זי אָנצינדן און פאַרניכטן. קען ווידער געמאָלט זיין, אַז דער צוקינפטיקער בלוטיקער וועלט־קאָנפליקט זאָל חלילה ווערן אויסגעטראָגן אויף אונזערע פלייצעס, אַז אין דעם גיגאַנטישן צוזאַמענשטויס פון די צוויי וועלט כחות, זאָלן גאָר יידן דאָס מיינסטע ליידן. איז דען דאָס אַזאַ זעלטנהייט, האָבן די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות אונדז נישט גענוג געוויזן ווי מיר האַלטן? דערווייל האָט מען שוין אַריינגעטריבן די וועלט אין אַ פסיכאָזע־שטימונג פון קריג, פון מורא און היסטעריע. וואַקסט דער חשד, וואַקסן די גוזמאות. דער בער מיט די הערנער איז נישט קיין אַנדערער ווי דער קאָמוניזם פון רוסישער פראָווינציענץ. אין אַלעם און אין אַלץ איז מען עלול צו זען די געהיימע האַנט פון קאָמוניזם. שאַפט זיך אַזאַ קלימאַט, ווו עס ווערט שווער פריי צו אָטעמען, נעמען זיך איבערגעהיצטע פאַטריאָטן אין אַמעריקע דאָס רעכט וועמען צו כשרן און וועמען צו פסלען די פאַטריאָטישקייט. קוקט מען אויף אַלץ קרום

און מיט חשד, וואָס שרייט נישט מיט מיטן אַלגעמיינעם כאָר, וואָס טאַנצט נישט הכנעהדיק אַרום דעם נייעם עגל הזהב פון פּאַטריאָטיזם. אַלץ, וואָס נייגט זיך נאָר אין אַ זייט אפילו איין גראַד פון דער אַקצעפּטירטער ליניע איז מען שוין חושד אין קאָמוניזם, וואָס איז אידענטיש מיט פאַרראַט. (אגב, איז מען זיך אין דעם פּרט נישט בעסער נוהג אין די דעמאָקראַטישע מלוכות ווי אין דעם לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע).

אין אַזאַ מצב פון פּאָליטישער אָנשטרענגונג און קינסטלעכער איבערגעשפּאַנטקייט איז אַלצדינג מעגלעך. ווי לאַנג דאַרף עס נעמען אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרן און סתם צווייפלהאַפטע עלעמענטן, וואָס האָבן ליב צו פישן אין מוטנע וואַסערן, צו זען אין יעדן ייד אַ פאַררעטער לגבי דער הייליקער זאַך פון קאַמף קעגן דער רויטער סכנה? האָבן מיר שוין פאַרגעסן, ווי לייכט מען אידענטיפיצירט יידן מיט קאָמוניסטן. וויל מען קעמפן קעגן קאָמוניזם, וויל מען זיך אַרויסווייזן אַלץ אַ כשרער פּאַטריאָט, מאַכט מען דערווייל אַ פּאָגראָם אויף יידן, — עס איז דאָך דער וועג פון גרינגערן ווידערשטאַנד און אגב אויך אַ פּאַטריאָטישע טאַט. זיצן דאָך גענוג פינצטערע עלעמענטן, וואָס לויערן דערווייל פאַרבאַרגענערהייט, אָבער וואָס קוקן אַרויס אויף דעם מאָמענט, ווען זיי זאָלן זיך קענען צולאָזן קעגן אַלץ, וואָס איז לינק און יידיש. מיינען וועט מען טאַקע די קאָמוניסטן, אָבער פּאָגראָמירען וועט מען דערווייל יידן. פון דאַנען ביז אַ טאָטאַלער פאַרניכטונג פון דעם איבעריק געבליבענעם ביסל יידן איז נאָר אַ קליינער שריט, ווי לייכט קען מען אים מאַכן!

זאָלן דוקא מיר יידן נישט פאַרגעסן, אַז כדי צוצוגרייטן דעם באָדן פאַרן קומענדיקן קאַמף, מוז מען זיך באַצייטנס נעמען מאָביליזירן אַלע שוואַרץ־מאהדיקע כחות קעגן קאָמוניזם. וואָס דאָס מיינט ספּעציעל פאַר יידן, איז דוכט זיך קלאָר. דאָס הייסט נישט נאָר רעהאַביליטירן די דייטשן, אויפשטעלן ווידער אַ דייטשע אַרמיי מיט אַלע פּישטשעוועקס, מיט אַלע נאַצי־גענעראַלן און יידן מערדערס, מיט די אַלע גליענדיקע מאַכט אַפּעטיטן און פינצטערער שנאה צו וואָס נאָר דייטשן זיינען פעיק. דאָס הייסט בעצם אויך כשרן די וולאַסאָווצעס און די טשעטניקעס, די אכזריותדיקע יידן־אויסקוילערס, די ליטווינער, אוקראַינער און אַלע יענע שוואַרצע כחות, וואָס געפינען זיך דערווייל נאָך אין די דייטשע ד.פּ.־קעמפּס און קוקן נאָר אַרויס אויף עפּיס רעכטס, אויף אַ בהלה, אויף אַ נייע מלחמה, ווען מען וועט דאַרפן אָנקומען צו זייער הילף. דעמאָלט וועלן זיך אָט די שוואַרצע תלינים פאַרייניקן אין אַ מעכטיקן פראָנט פון שנאה און רציחה, וואָס וועט זיין געווענדט נישט נאָר קעגן דער „רויטער סכנה", נאָר קודם כל קעגן ביסל יידן.

זאָל מען אונדז נישט פּרובן איינרעדן, אַז מיט די דייטשן וועט מען ראַטעווען אייראָפּע פון דער קאָמוניסטישער געפאַר. אַזוי אומשולדיק זיינען שוין די דייטשן נישט! זיי וויסן זייער פּרייז אין דער יעצטיקער היסטאָריע. כשרט מען זייערע הונגער־אַפּעטיטן, ווייס מען דען ווו און ווען מען וועט זיי קענען אָפּשטעלן. וואָס פאַר אַ גאַראַנטיעס האָבן דאָס די מערב־מלוכות, אַז



דערזעלביקער באַוואָפנטער כח וועט נישט אַמאָל שפּעטער מאַרשירן קעגן זיי, נעמען רעוואַנש און אָפּגילטן? און אפשר וועט זיך גאָר אַ באַוואָפנט דייטשלאַנד בעסער לוינען צו מאַרשירן צוזאַמען מיט רוסלאַנד, ווער ווייס. עס איז דאָך שוין אַלץ דאָ געווען. היינט צו וואָס די גאַנצע סומאַטאָכע און דאָס פאַרלאָזן זיך אויף די „משענת הקנה הרצוץ הזה" (דאָס צעבראָכענע אָנלען־שטעקעלע פון ראָר)?

וואָלט כדאי געווען, אַז דוקא מיר יידן זאָלן זיין געוואָרענט אין דער היסטאָריע און אין דעם שגעונדיקן קאַמף, אין וואָס די וועלט איז יעצט אַזוי פאַרקאַכט. דאָס מיינט נאַטירלעך נישט, אַז מיר זאָלן בלינדערהייט אַקצעפּטירן די פּראָפּאַגאַנדע־טעזע פון מאָסקווע אין די נאָר ערלעכע כוונות פון רוסלאַנד, און אַז אַלץ, וואָס ווערט דאָרט געמאַכט איז כשר וישר. אין דער אמתן איז די נייע מאָסקווער קולטור נישט פריי פון אומערלעכקייטן, פון עוולות און אונטערדריקונגען. זי קען על כן נישט ברענגען די אמתע גאולה אויף וואָס די וועלט קוקט אַרויס מיט אַזויפיל אומגעדולד. מיר מוזן אָבער אויך האָבן אָפענע אויגן פאַר די געפאָרן פון אַ קומענדיקן פעלקער־געראַנגל, בשעת מיר קוקן זיך אַרום און זען מיט וועמען מיר גיין צום טיש, ווער עס זיינען די שותפים, וואָס גרייטן זיך צו דעם גרויסן אַנטי־קאָמוניסטישן קרייצצוג. מיר האָבן צופיל איינצושטעלן, אַז מיר זאָלן זיך קענען דערלויבן דעם לייכטזיניקן לוקסוס פון ביליקער שנאה און היסטעריע און מיטשרייען מיט די הורא־פּאַטריאָטן. מוזן מיר זיין פאַרזיכטיק הן מיט אונדזערע רייד און אודאי מיט אונדזער שרייבן.

וויל איך דאָ דערמאָנען אַ גוט בוך צווישן די פילע, וואָס זיינען לעצטנס דערשינען איבער רוסלאַנד, ווייל עס באַמיט זיך צו זיין אויפריכטיק, ווייל עס איז אויסגעוויטיקט מיט ערלעכע, טיפע יסורים. איך מיין דאָס בוך פון משה גראָסמאַן*), וואָס רעדט צו אונדז אַזוי מענטשלעך, וואָס טרייסלט אונדז תהומותדיק אויף און דעקט אויף אַ תהום פון ליידן, פון אכזריותן און געמיינקייטן.

און פאַרט, וואָלט איך וועלן זאָגן, מוז מען האָבן געוויסע באַוואָרענישן לגבי דעם בוך. עס איז אַ סוביעקטיוו בוך און אין דעם דאָזיקן פּערזענלעכן פּריזם פאַרלירט זיך אין גאַנצן דער אויסקוק אויף דעם ערב־מלחמהדיקן און מלחמהדיקן רוסלאַנד, מיט אַלע זיינע אויפטוען, דערגרייכונגען און ליכט־זייטן. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז קאָנצענטרירט אַרום די ליידן פון מחבר, טאַקע אמתע, ערלעכע ליידן, אָבער פאַרט נאָר פּערזענלעכע. איז, פרעגט זיך דער פּשוטער לייענער, אַלץ אַזוי שוואַרץ, אַזוי האָפענונגלאָז, איז באמת נישטאָ קיין איין איינציקער ליכט־שטראַל אין דעם כלל־ליידן פון דעם גרויסן רוסלאַנד? גראָסמאַן זוכט דאָס אפנים נישט. זיין הינטערגרונט איז דערפאַר אַזוי טיף־שוואַרץ ווי די קאַנווע פון אַ רעמבראַנד־בילד. עס איז אַ בוך פון

*) פּ. גרים (משה גראָסמאַן) „אין פאַרכישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאַשווילי", פּאַריז, 1950־1949.

אַ בעל־יסורים, אַ בוך, וואָס גריבעלט זיך אָסך, וואָס באַשולדיקט, וואָס רעדט מיט מידת הדין. יאָ, זיכער מען האָט ביטער געליטן אין רוסלאַנד. מענטשן, בפרט אידעאַליסטן און בעקר אינטעלעקטואַלן־מאמינים פון דעם שניט גראָסמאַן זיינען געווען ביטער אַנטוישטע, צובראָכענע. פאַר זייערע אויגן האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעדעקט אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט אַ ברוטאַל רוסלאַנד, פול מיט שקרים און נגישות, — איז דאָס דער קאָמוניסטישער גן־עדן, דאָס הימלאַנד פון פרייען פראָלעטאַריאַט, דוכט זיך, פרעגט מיט אַ פון טיפער בושה צופלאַמט פנים דער מחבר.

הארט און טרויעריק איז געווען די רוסישע ווירקלעכקייט אין די מלחמה־יאָרן, בפרט נאָך פאַר אַ יסורימדיקן פליט פון פוילן. און געליטן האָבן אַלע, יידן און נישט־יידן, פליטים און איינגעזעסענע. עס איז דאָס לאַנד, ווו דאָס לעבן פון יחיד איז גאָרנישט, דער קאָלעקטיוו איז אַלץ, ער, דער מולך־כלל פארשלינגט זיי אַלעמען. ליידן איז עפיס גורלדיקעס אין לעבן פון רוסישן מענטש, ער ליידט שוין אַזוי הונדערטער יאָרן אונטער פארשיידענע רעזשימען, שלעפט זיך דורך פינצטערע תפיסות, גייט אויף קאטארגע און ווערט פאַרפוילט אין די סיבירישע טייגעס. זיין קרבנות־גרייטקייט, דאָס נעמען אויף זיך יסורים של אהבה, האָט גאָר קיין ברעג נישט. דאָס אַלץ, ווילט זיך דוכטן, ליגט טיף באגרינדעט אין אַ מיסטישן גלייבן פון אייגענדער נצחיות און אויסדערווילטקייט, וואָס מאַכט דעם רוסישן מענטש פעיק, ווי די העלדן פון דאָסטאָיעווסקין, צו טראָגן די דאָרנען־קרוין אויף זיין קאָפּ און ליידן. אָט די מענטאַליטעט מוז מען פאַרשטיין, מען מוז זי קענען זען אין דער ריכטיקער פערספעקטיווע. זאָל מען וועלן דרינגען דערפון, אַז רוסלאַנד איז היינו הך מיט נאַצי־דייטשלאַנד, אַז זיי שטיין אויף דערזעלביקער שטופע? ווי מעג מען גאָר אַזוי טראַכטן? און דוקא יעצט אין דער אונגעשטרענגטער, אנגעצויגענער אַטמאָספערע פון חשד און שנאה, ווו יעדער קליינסטער פונק קען גורם זיין אַ שריפה אין דעם מעכטיקן פולווער־פאס און אן אויפרייס איבער גאָר דער וועלט.

ניין, גראָסמאַן מיט זיין גאַנצער מענטשלעכקייט און אויפריכטיקייט האָט, ווילט זיך דוכטן, איבערגעצויגן די מאָס. עס איז אַרויסגעקומען אַ קטרוג און אין אן עת־צרה זאָל מען נישט מקטרג זיין.

ווי דערציילט אונדז אַזוי זינפול אן אגדה? בעת גאָט האָט געוואָלט באַשאַפן די וועלט איז ער געווען אין גאַנצן מידת הדין. האָט ער זיך פארטראכט און געזען, אַז די וועלט קען נישט האָבן קיין קיום. האָט ער משתתף געווען דעם מידת הדין מיטן מידת הרחמים און אַזוי געשאַפן די וועלט. מיט בלויז מידת הדין קען אונדזער היינטיקע, זינדיקע וועלט נישט האָבן קיין קיום. מען מוז אַמאָל אויך קענען פארגלעטן, זיך צוקוקן צו דער וועלט און אירע ברואים מיט פארשטענדעניש, מיט אַביסעלע רחמים און גוטסקייט, הגם עס איז גוט אנגעזאלצן אויפן האַרצן. די וועלט וועט מען נאָר קענען ראַטעווען פון אונטערגאַנג מיט מידת הרחמים.

לאָנדאָן, תשרי תשי״א.



# לעא קעניג

## ווי אזוי מען האט זיך אויסגעזעצט

קאַפּיטל 5

און מען האָט זיך אויסגעזעצט אינם אַלטנס צימער.

די ניין זין מיט די צוויי טעכטער, וועלכע זענען נאָך פיל טרויעריקער געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען זייערע ניין ברידער, קיין עין־הרע איינס און איינס, צוזאַמען און אינם טאַטנס צימער — אַז אָך און וויי — ווו דער שפיגל איז פאַרהאָנגען און צוויי ליכט ברענען אין די זילבערנע לייכטער אויפן „מענטלפיס“ צווישן די צענדליקער פאָטאָגראַפיעס פון די אייניקלעך. די ליכט ברענען און די פלעמלעך שאָקלען זיך טרויעריק, אָנמעכטיק, צי ווייל אינם צימער איז איצט ווייניק לופט, צי ווייל זיי קענען זיך דורכן ווייסן ליילעך נישט זען אינם שפיגל.

און אַנטקייגן דעם ווייס־באַדעקטן שפיגל שטייט דאָס הויכע בעט, עפעס ווי אַ פאַרלאָשענער מזבח. און ניין ברידער, קיין עין־הרע. ווי אַזוי וויינט מען נישט? מעשה שוועסטער, וואָס זענען מכמה יאָרן געוווינט געווען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן צו פאַרנעמען דאָס פלאַץ פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער — האָבן זיי דערפילט אָט די פליכט זייערע? — האָבן זיי זיך אַצינד באַזונדערס מוטערלעך־פאַראַנטוואָרטלעך דערפילט אַפילו פאַר זייערע דערוואַקסענע און עלטערע פון זיי ברידער, גלייך ווי זיי וואָלטן אַלע נישט קיין ברידער געווען נאָר ברידערלעך און שוין קיילעכיקע יתומים דערצו...

און אין דער אייגענער צייט האָבן זיי זיך, מעשה טעכטער און פרויען, האַלב באַוווסטזיניק געפילט געזעטיקט און שטאָלץ מיט אַזאַ טאַטן; אַ טאַטע, וואָס האָט זיי געגעבן ניין ברידער.

זין זעען אין זייערע טאַטעס בלויז טאַטעס, טעכטער אָבער זעען אין זייערע טאַטעס, אינסטינקטיוו, אויך די מענער, די געבוירער. און זייער ליבע צו זייערע טאַטעס איז גרעסער ווי די זינס, ווייל זי איז נישט נאָר קינדיש, נאָר אויך אינסטינקטיוו ווייבלעך.

פון דער טונקעלער שטיק וואַנט, צווישן די צוויי גאַס־פענסטער מיט די פאָרהאַנגען, האָט זיי, ווי פלוצלונג, דערזען דעם טאַטנס פאַרגרעסערטער פאָרטרעט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק. נישט זיי האָבן דעם פאָרטרעט דערזען, נאָר דער פאָרטרעט האָט זיי, פון זיין טונקלקייט, דערבליקט... זיין באָרד איז נאָך דעמאָלט, מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, נישט געווען אונטערגעשוירן ביי די ברעגעס. די וואָנצעס פלעגט ר׳ שלמה, אין יענע יאָרן, נישט אונטערשערן. (ער וואָלט זיך נישט צוגעגלויבט, ווען מען זאָגט אים, אַז אויך ער האָט זיך פאַרענגלישט און דוקא אויף דער עלטער). און עס האָט נאָך פון זיין צעקעמטער, רויטלעכער באָרד געשמעקט מיט פוילישער יידישקייט. אונטער די שטרענגע אויגן — די קישעלעך, וואָס זאָגן עדות אויף ליידנשאַפט. און כאָטש די פאָטאָגראַפיע איז געמאַכט געוואָרן ווען

ר׳ שלמה איז נישט פיל עלטער געווען פון זיין עלטסטן זון אַצינד, האָט פון איר דאָך געוויזט מיט מאַנסבילישן כח, מיט גרויס טאַטעשן ערנסט. עס האָט אויסגעזעען ווי ער וואָלט אַצינד נאָך מער „אַראָפּגעקוקט" אויף זיינע קינדער, אויף די זין אויף די נידריקע בענקלעך.

— איר זענט טאַקע עפּעס קיי און שפּיי. — האָבן זיך די אויגן פון דעם בילד געבייזערט, — איר האָט געדאַרפט קענען אונזערע היימישע געזונטע יידן. מען איז געפאָרן אויף ירידן, מען האָט געהאַנדלט מיט דייטשן. אַ קנאַק מיט דער בייטש און אַ וואַלד דורכגעפאָרן. מען האָט געקענט נעמען אַ גוטן טרונק בראָנפן — ניין און ניינציקער — אין אַ ברענענדיקן פראָסט, ווען אַט די באָרד און וואָנצעס, וואָס איר זעט, האָבן אויסגעזעען ווי אַ ווייסער דראָט; און פאַרבייסן מיט אַ פערטל גענזנס, מיט אַ פולן טעלער גריוון. אָ, איר האָט מיך געדאַרפט קענען, ווען איך בין יונג געווען. איך האָב דאָך אַפילו פאַר אייער ווילדן פעטער פייוול נישט מורא געהאַט. אָט פרעגט ביי רחלן, זי ווייסט אַביסל. איר, איר, איר האָט צופיל מורא פאַר אייערע ווייבער. אין מיין צייט האָט אַ מאַן נישט מורא געהאַט פאַר אַ יידענע...

אויפן קאָפּ, אויפן הויכן, שיינעם, קיילעכדיקן שטערן, וועלכער האָט עדות געזאָגט, אַז ער וואָלט געקענט זיין אַ למדן, ווען ער לערנט, האָט ער געטראָגן אַ קאַפּל.

ער האָט שטענדיק געטראָגן אַ קאַפּל. מיט אַ גאָלן קאָפּ איז ער געשטאַנען נאָר פאַר נאַטשאַלסטווע. פאַר דעם צאַרס פּאָרטרעט אין פוילן און, להבדיל, פאַר דעם ענגלישן מלך׳ס פּאָרטרעט דאָ אין ענגלאַנד.

אָבער ביי זיך אין דער היים, ביי די קינדער צו גאַסט, צי אַזוי פאַר מענטשן, האָט ער זיין הוט, צי זיין קאַפּל, נישט געצויגן.

יעקב, דער עלטסטער זון — איצט האָט מען פון אים געמוזט קלערן ווי פון יעקבן און נישט ווי פון דזשעקן; אויך דער פאָטער פלעגט אים אין די ערנסטע מינוטן רופן יעקב — האָט גלייך דערזעען אויפן פענסטער, צופוסנס פון בעט, צווישן די פּאָר ספרים, דאָס זעלבע קאַפּל דעם טאַטנס. ער האָט עס אָנגעטאָן, ווי ער וואָלט זיך אַליין געקרוינט, זייענדיק זיכער מיט אַלעמענס צושטימונג, און מיט אַ הייזעריקן קרעכץ זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פוסנבענקעלע ביים גאַז־אויוועלע, וואָס האָט איצט געזשיפּעט.

— איצט בין איך נעקסט, — האָט זיך ביי אים ווי אַרויסגעכאַפּט, און ער האָט זיך ווידעראַמאָל פון דאָס ניי צעוויינט, ווי ער וואָלט, מעשה עלטסטער ברודער, געגעבן אַ סיגנאַל צו די יונגערע.

אַביסל האָט ער זיך אַליין איבערגעשראָקן פאַר דעם „נעקסט" און עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן פונם געדאַנק, אַז ער איז אַ קאַנדידאַט צום שטאַרבן. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף „נעמען די ליד" (ווערן דער מנהיג) אין אַזאַ פייערלעך טרויעריקן מאָמענט. עס איז אויך געווען זיין אַמביציע, אָבער ער האָט נישט געוווסט אַקוראַט ווי אַזוי עס צו טאָן. נישט ווילנדיק, האָט אים געצויגן נאָכצואַמען דעם טאַטן. אַפילו אַלטלעך האָט ער זיך גענומען



פילן, און הוסטן האָט זיך אים געוואָלט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צו טאָן מיטן מאָגן; אַז ער האָט מורא צו פרעגן אַ ספּעציאַליסט, ווייל טאָמער איז עס דאָס אייגענע. אָט די נישט אָנגענעמע מחשבות האָבן אים אָבער דאָך צוגעגעבן ווירדע, און ער האָט געקוקט צום בעט. נאָכן קאַפּל, דעם טאַטנס קרוין, וואָלט זיך אים געפּאַסט צוצולענען אויפן הויכן טראָן, פון וועלכן דער פאָטער האָט יאָרן־לאַנג זיי געגעבן עצות, אויסגעגלייכט זייערע ביזנעס.

ער האָט שוין באַשלאָסן, אַז ער וועט אין דער שבעה שלאָפן אין טאַטנס בעט, נישט די טעכטער, ווי זיי וואָלט עס אפשר געוואָלט. אפשר וועט ער שלאָפן מיטן קלענסטן, מיט פּיטערן, וועלכער האָט זיך אַצינד אַרומגעבלאָנקעט, ווי אַן אמתער יתום און אויף וועלכן אַלע האָבן אַצינד עפּעס באַזונדערס רחמנות געהאַט, גלייך ווי ער, דער קלענסטער, דער יונגסטער פון זיי, וואָלט איצט געווען דער אמתער יחסן, דער אמתער אבל. זיי האָבן אים אַצינד אַפילו עפּעס ווי נישט געוואַגט אַרומצושיקן: גיב מיר דאָס; דערלאַנג מיר יענעס. ניין, יעדער פון די דערוואַקסענע ברידער — די שוועסטער אוודאי — איז אים געווען גרייט צו געבן אַ פּלאַץ נעבן זיך אויף די נידריקע בענקלעך.

— ניין, ער, יעקב, וועט פּיטערן טאַקע אַריינעמען אין זיינע ביזנעס. „נעווער מיינד", וואָס דער טאַטע האָט זיך געלאָזט צורעדן פון שמחה׳ן און נאָך אַנדערע חכמים און אים געמאַכט פאַר אַן עלעקטראָ־טעכניקער... אַ ברודער פון דזשייקאָב גאָלדבלום, דער „סיטי־מאַן", דאַרף נישט זיין אַ בעל־מלאכה. מישטיינס געזאָגט וואָס ער קען זיך אָפּלערנען פון די „יאָקס"!

לולו, אָדער לייבושל, וואָס איז גאָרנישט געווען אַזאַ כבוד־ליבהאָבער, ווי זיין ברודער און ביזנעס־שותף האָט זיך דערווייל אַוועקגעזעצט נעבן בעט אויף אַן איבערגעקערט בענקל (דעם טיש האָט מען צוגערוקט צו די פענסטער, נעבן דער קאַנאַפּע). ער איז געזעסן אין זיין האַרטן קאַפּעליוש, וואָס איז, ווי שטענדיק, געווען אַביסל אויף אַ זייט פאַררוקט.

ער האָט מיט די פאַרווייינטע אויגן אַלע ווײַלע געקוקט אויף יעקבן, אָבער אין זיין קוק האָט געפינקלט אַ קוים באַמערקבאַרער פונק פון אַ שמייכל. ער האָט אַצינד נישט געוואָלט טראַכטן, אַז „דזשייקי מאַכט שוין זיינע שטיקלעך". עס האָט אים אָבער פאַרדראָסן אויף זיך אַליין פאַרוואָס עס קרענקט אים אַזוי דאָס, וואָס ער וועט אַ גאַנצע וואָך פאַרנאַכלעסיקן די ביזנעס.

אין זיין עטוואָס ווייבעריש און שלאַבעריק פּנים, וואָס האָט אויסגעזעען צו גרויס און אַלט פאַר זיין קליינטשיק און קיילעכדיק גופל — ער איז געווען דער קלענסטער אין דער פאַמיליע — האָט נאָך אַלץ געצוקט; אַזוי געשמאַק האָט ער זיך אָנגעוויינט.

לייבושל איז געווען פּשוטער און אמתער ווי יעקב. ער האָט ליב געהאַט דריי זאַכן: געלט, ד״ה ביזנעס, זיין ווייב און לאָקשן... און אַז ס׳איז אים געגאַנגען גוט אין די ביזנעס, האָט ער אויך נישט פיינט געהאַט צו „טשעפּן", מאַכן וויצן. ער האָט עס דעם טאַטן, עליו השלום, אַ נאָמען געגעבן „פּרעזידענט". און וואָס אמת איז אמת: ער פלעגט זיך אויך מיטן פּרעזידענט אָפּטער

ווי אַנדערע קריגן, ווייל ער האָט נישט ליב, אַז מען וויל אים פֿאַרדרייען; מעג עס זיין ווער עס איז. און דער פֿאָטער, גלויבט ער, האָט נישט איינמאָל געוואָלט די יונגערע ברידער זאָלן געניסן פֿון די עלטערע.

ווי טרויעריק ער איז איצט נישט געווען, האָט ער זיך נישט געקענט העלפֿן און געמוזט טראַכטן, אַז מען קען זיך אויף זיין ווייבס ברודער וועלכער אַרבעט ביי אים און דזשעקן, נישט פֿאַרלאָזן אין די ביזנעס אַ גאַנצע וואָך. ער האָט עס, פֿאַרשטייט זיך, זיין מערין נישט געזאָגט, אָבער ער האָט זיך זיינע חשדים אויף איר ברודער.

אפֿשר פּונקט אַזוי שטאַרק ווי פֿון זיינע ביזנעס, האָט ער אויך געמוזט טראַכטן וועגן זיין מערין, „בלעס הער". זי וועט זיין אַ גאַנצע וואָך אָן אים. אמת, זי האָט אַראַנזשירט, אַז איר אָרימע שוועסטער, לויט דעם באַרבערס ווייב, זאָל מיט איר שלאָפֿן, אָבער לולו איז געווען שטאַרק אייפֿערזיכטיק. ער האָט געהאַלטן זיין ווייב פֿאַר אַ שיינהייט — אויך אַנדערע האָבן געהאַט אַ מיינונג, אַז זי איז די שענסטע פֿון די שנורן — און כאָטש ער איז איבערצייגט, אַז זי מיינט גאָרנישט, שטעכט עס אים תמיד, ווען זי רעדט פֿון די שיינע ענגלענדער און פֿון די „טיס", וואָס זי האָט אין פּיקאַדילי; דאָס, וואָס זי „טשעפּט" אים שטענדיק פֿאַר זיין קליינגעוויקסיקייט און אַז „ער איז נישט קיין מאַן" אַרט אים דווקא נישט אַזוי. ער האָט אַ חוש פֿאַר הומאָר און ווייסט וואָס געלט איז.

די שענסטע — אין דער פֿאַמיליע — „בעד־רום סוויט" (שלאָף־צימער מעבל) האָט ער פֿאַר זיין ווייב אויסגעשטאַט... טויזנט פֿונט!

דעם אַלטן האָט דאָס דעמאָלט אַפֿילו שטאַרק פֿאַרדראָסן: „טויזנט פֿונט זאָל מען באַצאָלן פֿאַר אַ בעט!" פֿלעגט ער איבערעדן פֿאַר רחלען און שמחהן; „מיט אַ קייסערינע קען מען אין אַזאַ בעט שלאָפֿן!"

אָבער מיט זיין געזונטן טאַטיש־מענלעכן חוש האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דער זון זיינער דאַרף מסתמא אַזאַ בעט פֿאַר זיין ווייב און האָט אים אין די אויגן קיין פֿאָרוואורף נישט געמאַכט. (דזשעקי און לולו האָבן דאָן אויך געמאַכט גאָלדענע געשעפֿטן: צוגעשטעלט זייד פֿאַר די משחיתים די לופֿט־שיפֿן. עס איז שוין געווען אין דער צייט פֿון די לופֿט־אָנפֿאַלן, ווען מען האָט געקוקט אויף יעדער לופֿט־שיף ווי אויף אַ משחית).

און ווייטער האָט טאַקע דער אַלטער אַליין אויך גערן געהאַט „די יונגע, שיינע, נאַרישע ציג מיט די בלויע אויגן, וועלכע ווייסט פֿון קיין חכמות נישט, רעדט וואָס עס קומט איר אויף דער צונג און זאָגט אים „דו", ווען זי רעדט איר „צעבראָכענעם יידיש".

דעם אַלטן פֿלעגט זיך מיט גרויס הנאה וועלן לאַכן, ווען זי האָט אים געזאָגט „דו".

איז טאַקע לולו אַצינד געזעסן מיט אַ צעדרייטן קאָפּ אונטער אַ פֿאַרדרייטן האַרטן קאַפּעליוש און זיך קאַלופּעט די ציין, ווי שטענדיק, ווען ער חשבונט אויפֿן קאָפּ...



— קום אַהער, פּיטער, — האָט ער צו זיך גערופֿן דעם קלענסטן יתום און אים געגעבן אַ שטיקל פֿלאַץ אויף זיין איבערגעקערטן בענקל.

אַלע האָבן אַצינד אַכטונג געגעבן אויפֿן טאַטנס מיזיניק, גלייך ווי זיי וואָלטן דורך אים געזען דעם קליינעם יתום אין זיך.

נאָר אַממיינסטן האָט לולו גערן געהאַט פּיטערן. דאָס הייסט, ווען ער האָט צייט געהאַט דערפֿון צו קלערן, און פּיטער איז אים פּונקט געווען פֿאַר די אויגן; אפֿשר דערפֿאַר, ווייל מען האָט אויך פּיטערן גערופֿן לולו. דאָס האָט רחל פּיטערן אַ נאָמען געגעבן לולו, ווייל ער, פּיטערל, האָט פּונקט ווי לולו „ס'לעבן" ליב געהאַט קליסקעלעך.

און אפֿשר האָט ער אים אויך ליב געהאַט דערפֿאַר, ווייל פּיטער איז געווען דער איינציקער אין דער פֿאַמיליע, וואָס איז נאָך נישט העכער געווען פֿון אים אין וווקס.

(המשך קומט)

---

מאַרקס קאַהען

## רחלע די חלות

(אַ קאַפּיטל מעמואַרן)

איז ביי אונז אין שטאָט געווען זייער אַ פֿרומער ייד מיטן נאָמען לייבע די חלות, אויף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז ער איז פֿון די למד־וואָו צדיקים.

פֿאַרוואָס מען האָט אים גערופֿן „די חלות"? ווייל זיין עלטער־באָבע האָט געהאַט צען זין; ווען זי פֿלעגט אויף שבת באַקן די חלות האָט זי זיי געציילט: „די חלות זענען פֿאַר יאַנקלען, די חלות פֿאַר משהן" און אַזוי ווייטער און ווייטער; און איז געווען זייער פֿאַרזיכטיק זי זאָל, חלילה, איינעם נישט פֿאַרציילן.

דערפֿאַר האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן „די חלות", וואָס איז זיי פֿאַרבליבן אויף קינדס־קינדער.

און ביי אונז אין שטאָט זענען געווען זייער ווייניק משפּחות אָן אַ צונעמעניש. די משפּחה אָן אַ צו־נעמעניש האָט מען נישט געוווסט ווער זיי זענען!

דער „לייבע די חלות" איז געווען אַ וועגל־פֿירער. ער פֿלעגט פֿירן פּעקלעך סחורה פֿון די גרויסע געשעפֿטן צו די קליינע קרעמלעך, און זיין ווייב האָט אים געהאָלפֿן אין דער פּרנסה, אַזוי, ווי אַלע אָרימע פֿרויען אין אונזער געגנט. זי האָט פֿאַרקויפֿט בייגל; און פֿון דעם האָבן זיי קוים געמאַכט אַ לעבן.

זייער וווינונג איז געווען אַ זיעמליאַנקע, לעבן אַ באַרג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון איין חדר, וואָס דעם גרעסטן טייל האָט פֿאַרנומען דער אויוון מיט דער לעזשאַנקע, וועלכע מען פֿלעגט ווינטער הייצן, עס זאָל זיין וואַרים.

ווייטער איז געשטאַנען עפּעס אַ בעט, אַ טיש, אַ באַנק און אַ שטול אָן אַ ווענטל, אויף וועלכער לייבע פֿלעגט זיצן און זאָגן תהלים יום ולילה.

דער אויבערשטער האָט זיי מזכה געווען מיט אַ בת־יחידה, וועלכע איז געווען זייער אַ געראָטענע, פּשוט אַן אויסנאַם. מען האָט זי גערופן „די שיינע רחלע״; און זי איז עס טאַקע געווען.

איך גלויב, אַז נישט פילע פּאָעטן און שניצערס וואָלטן געקענט באַזינגען און אויסשניצן אַ שענערע. זי איז פּשוט געווען די געטין פון שיינקייט!

האָבן אירע עלטערן זי נישט געלאָזט גיין דינען ביי די רייכע בעלי־בתים, אַווו אַלע אָרימע מיידלעך גיין פון אונזער געגנט, ווייל זיי האָבן שוין, נעבעך, געוווסט וואָס עס פּאַסירט מיט די שיינע מיידלעך...

אַ זון אָדער בעל הבית אַליין בכבודו ובעצמו איז זיך אויף זיי מרחם; ווייל לייבע אַליין, אַז ער פלעגט ווערן אין כעס אויף זיין ווייב, פלעגט ער איר שיקן „צום בעל־הבית״ . . .

האָט זיך דער בעל־הבית אַליין „מרחם״ געווען איז נאָך געווען צו דערליידן! ווייל ער פלעגט איר שטילערהייט געבן אַביסל געלט, זי זאָל מאַכן אַ שווייג. און פאַר דעם געלט האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַ בעל־עגלה אָדער אַזוי פאַר אַן אָרימאַן און אָפּפינסטערן אירע ביסל יאָרן, ווייל פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט ער איר שיקן „צום בעל־הבית״!

נאָר טאָמער האָט זיך אַ זון „מרחם״ געווען, דאַן איז געווען זייער שלעכט, ווייל די מיידל פלעגט זיך אין אים פאַרליבן, ווייל ער פלעגט איר צוזאָגן אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. און שטאַרק בענקענדיק נאָך איר ערשטן געליבטן, וועלכער האָט זי פאַרפירט, און קראַנק ווערן און אייניקע פלעגן שטאַרבן. איך געדענק איינע, וועלכע איז נעבעך, משוגע געוואָרן! און די איבעריקע, פון פאַרצוויפלונג, פלעגן אָנפילן די „פרייליכע הייזלעך״ און ווערן „סחורה״ פאַר בוענאָס איירעס, וואָס איז דאַן געווען דעם מאַרק פאַר דעם...

און די קינדער, וועלכע זיי פלעגן האָבן, וואָס נישט פילע פלעגן בלייבן לעבן און די, וועלכע זענען, נעבעך, געבליבן לעבן, איז נישט געווען מקנא צו זיין... אייניקע האָבן צוגעשטעלט די משוגעים פון שטאָט. מער פעאיקערע — די גנבים און די איבעריקע פלעגן זיך אויסוואַלגערן אין הקדש און ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

און זיי האָט מען ביי אונז אין שטאָט גערופן „די באַלעבאַטישע קינדער״!

איז ווי שווער עס איז זיי געווען אויסצוהאַלטן זייער טאָכטער האָבן זיי איר אויף קיין שטעלע בשום אופן נישט געלאָזט גיין.

דער איינציקער גליק איז געווען נאָך פּורים דער פּאַדריאַד, ווו זיי פלעגן זיך שטעלן באַקן מצה. זיין ווייב איז געווען אַ גוטע קנעטערין, זיין טאָכטער— אַ גוטע וועלגערין און ער אַליין מיט זיין וועגל פלעגט ברענגען די מעל אין פּאַדריאַד און אַוועקפירן די מצה.

און פון דעם געלט, וואָס זיי האָבן פאַרדינט, פלעגן זיי צום ערשט אויסקליידן זייער בת־יחידה, וואָס איז ביי זיי געווען די הויפּט־זאַך; און פאַרן איבעריקן געלט געמאַכט פּסח.



די אַרבעט אין פּאַדריאַד איז געווען קאַטערזשנע ראַבאָטע, ווי מען זאָגט אין רוסלאַנד און „האַרד לייבאָר״ — אין ענגלאַנד אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך צו דער אַרבעט אין פּאַדריאַד; און דער גיהנום, ווי מען שטעלט זיך פאָר, איז געווען אַ גן־עדן אַקעגן דעם פּלאַץ, ווו זיי האָבן געאַרבעט.

געאַרבעט האָבן זיי פון זעקס אין דער פרי ביז צוועלף דעם זייגער ביינאַכט אָן אָפּשטעל. טאָמער האָט אַ קינד געבראַכט דער מוטער עפּעס עסן אָדער אָנזייגן אַ קליין קינד, פלעגט די מוטער זיך זעצן אונטערן טיש, ווו זי האָט געאַרבעט. און אויב עס האָט געדויערט אַ מינוט לענגער, פלעגט שוין דער זעצער פון דער פּאַדריאַד אָנהויבן שרייען, אַז דער אויוון ברענט און עס פעלט אים מצות.

טרעפט, עס איז שוין באַלד צוועלף דער זייגער און אַלע וואַרטן שוין מיט אומגעדולד צו גיין אַהיים זיך אַביסל אָפּרוען, איז געקומען בערע חסיד דער נגיד פון שטאָט, וועגן די מצה, וואָס ער צעטיילט אַלע יאָר פאַר די אָרימעלייט; אין דער מצווה, אין וועלכער ער איז זיך אַליין נוהג אַלס אַ חזקה און גיט אַכטונג וועגן כשרות.

ער ברענגט מיט זיך ווייסע מיצלעך פאַר יעדן אָנצוטאָן אויפן קאָפּ, און ער ברענגט אויך אַביסל בראָנפן און פאַרבייסן.

איז אַרויס דער פּאַדריאַדטשיק פון ערגעץ אַ ווינקל, ווו ער האָט געדרעמלט און געלאָזט וויסן, אַז היינט וועט מען מוזן אַרבעטן לענגער, ווייל מען דאַרף אָפּבאַקן בערע חסידס מצה, וואָס ער צעטיילט פאַר די אָרימעלייט. „און איר ווייסט דאָך וויפיל ער לאָזט איבער פאַר יעדן טרינק־געלט, און גיט נאָך אַביסל בראָנפן מיט פאַרבייסן; און די צייט איז קורץ, עס איז שוין באַלד פּסח״.

האָבן זיך אייניקע ווייבער אָפּגעבעטן, מען זאָל זיי לאָזן זיך אַביסל אָפּרוען, ווייל זיי קענען שוין נישט שטיין אויף זייערע פיס. און אייניקע האָבן זיך אָפּגעבעטן מען זאָל זיי לאָזן גיין אַהיים אָנזייגן זייערע קליינע קינדער. די איינציקע, וועלכע זענען נאָך געווען ביים כח, איז לייבע די חלות מיט זיין טאָכטער רחלע.

זיי האָבן דערווייל אַביסל ריינער געמאַכט אין פּאַדריאַד, אויסגעוואַשן די מולטער, ווו מען קנעט די טייג; און צוואַנציק מינוט נאָך צוועלף האָט בערע חסיד געגעבן צו ביסלעך בראָנפן מיט פאַרבייסן, און מען האָט זיך געשטעלט צוריק צו דער אַרבעט.

דערווייל איז ר׳ בערען שטאַרק געפעלן געוואָרן די שיינע רחלע, לייבעס טאָכטער. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ בן־יחיד אַ שלימזל, אַן אויסגעקרענקטן, אַ מיאוסקייט, אַזוי, ווי עס גיט זיך אַמאָל איין אַ ציטערדיק קינד ביי רייכע לייט, וואָס קיין באַלעבאַטישע מיידל וואָלט אויף אים אַפילו נישט געוואָלט אַ קוק טאָן.

האָט ער באַשלאָסן צו נעמען אַן אָרים מיידל, נישט פון קיין יחוס, נאָר מוז זיין זייער אַ שיינע; און דערפאַר וועט אים דער אויבערשטער מזכה זיין

מיט שיינע, געראָטענע אייניקלעך; און ער וועט נאָך דערלעבן נחת פון זיין בן יחיד.

און קאַרגע צוויי טעג פאַר פסח האָט זיך די אַרבעט אין פאדריאַד געענדיקט. לייבע מיט זיין טאָכטער האָבן פסחדיק געמאַכט אין דער היים, אויסגעשאָטן די פּאָדלאָגע מיט ווייסן זאַמד, אַוועקגעזעצט די צוקונפטיקע מלכה מיט אירע געשוואָלענע פיס אין בעט, וועלכן האָט זיך, נעבעך, קוים געקענט רירן.

ערב פסח האָט לייבע בודק־חמץ געווען און איז אַוועק אין מרחץ צוליב דעם שיינעם פרילינג יום טוב. קומענדיק צוריק, האָט ער אָנגעטאָן זיין שבתדיקע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שול.

רחלע האָט צוגערוקט דעם טיש צום בעט, וווּ די מלכה איז געזעסן מיט אירע געשוואָלענע פיס און צוגעגרייט דעם סדר.

לייבע איז געקומען פון שול מיט אַ ברייטן „גוט יום טוב!" און מען האָט זיך געזעצט פראַוון דעם סדר ווי גאָט האָט געבאָטן.

די שיינע רחלע, די בת־מלכה, אָנגעטאָן אין אירע נייע קליידער האָט געפרעגט די פיר קשיות, און ר׳ לייבע, דער מלך, האָט איר געענטפערט ווי אין פסוק שטייט: עבדים היינו לפרעה במצרים. און אַזוי האָבן זיי אָפּגעריכט ביידע סדרים.

דעם צווייטן טאָג פסח איז געקומען אברהמע דער שדכן און געלאָזט וויסן לייבן, אַז ר׳ בערע חסיד וויל זיך מיט אים משדך זיין; אים געפעלט זייער אייער טאָכטער.

ווען לייבע האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אַזוי דערפרייט, ווי ער וואָלט דערהערט שופר של משיח, און פון גרויס שמחה איז ער צוגעלאָפן צום בעט, וווּ די מלכה איז געזעסן, און פון גרויס באַגייסטערונג איר אַ קוש געטאָן, וואָס איך גלויב איז געווען דער ערשטער קוש אין זייער לעבן; און זאָגט איר:

— האָסט געהערט? בערע חסיד אַליין וויל זיך דאָך מיט אונז משדך זיין! מיין האַרץ האָט מיר אָבער תמיד געזאָגט, אַז מיר וועלן דערלעבן גרויס נחת פון אונזער בת־יחידה, און אַליין אויך געהאָלפן ווערן...

האָט אים זיין ווייב געזאָגט, אַז ער איז דאָך זייער אַ קראַנקער און אַ מיאוסער. האָט איר לייבע געענטפערט:

— פאַרגעס אָבער נישט ווער ער איז!

ווען רחלע איז געקומען פון איר יום־טובדיקן שפּאַציר, וווּ זי האָט זיך אויסבאַרימט פאַר אירע חברטעס מיט אירע נייע קליידער, האָט איר דער פאָטער געלאָזט וויסן, אַז זי איז די גליקלעכסטע קינד אין דער וועלט; אַז „בערע חסיד אַליין וויל דיך פאַר זיין זון".

ווען רחלע האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט און געזאָגט, אַז זי וועט בעסער פאַרזיצן אַן אַלטע מויד איידער חתונה האָבן מיט אַזאַ פאַרזעעניש!



די עלטערן האָבן איר געלאָזט זיך אויסוויינען. דערנאָך האָט איר די מוטער גענומען טרייסטן, אַז זי וועט זיך צוגעווינען און וועט ווערן די רייכסטע באַלעבאָסטע אין שטאָט:

— און פאַרגעס נישט, אַז ער איז אַ בן־יחיד. און מיט דער צייט וועט אַלץ זיין דיינע און ווערסט נאָך פאָרן אין קאַרעטן; און אַלע דיינע חברטעס וועלן דיך מקנא זיין.

און דער פאָטער האָט זיך ביי איר געבעטן מיט טרערן, אַז זי זאָל אים נישט פאַרשעמען און צעשטערן זיין גרויסן גליק.

האָבנדיק גרויס מיטלייד מיט אירע אָרעמע עלטערן, וועלכע האָבן זיך ביי איר אַזוי שטאַרק געבעטן, האָט זי ווײנענדיקערהייט איינגעשטימט און חול־המועד פסח איז דער געשעפט געשלאָסן געוואָרן...

נאָך פסח האָט בערע חסיד אַריינגענומען זיין צוקונפטיקן מחותן אין זיין געשעפט און זיין מחותנתטע נישט געלאָזט מער פאַרקויפן קיין בייגל; געלאָזט פאַרריכטן זייער זיעמליאַנקע, אַריינגעשטעלט נייע מעבל, און דער צוקונפטיקער שנור געקויפט זייער שיינע מתנות.

און באַלד נאָך שבועות האָט מען געפראַוועט אַ חתונה כדת משה וישראל, אויף וועלכער די גאַנצע שטאָט האָט זיך משמח געווען. זיין רבי אַליין מיט נאָך חסידים זענען געקומען צופאָרן, און מסדר קידושין געווען און אויך געבענטשט די עלטערן פון חתן־כלה, אַז זיי זאָלן דערלעבן גרויס נחת פון זייערע איינציקע קינדער.

מען האָט צוגעגרייט אַ סעודה כיד המלך פאַר אַלע געסט און פאַר די אָרימעלייט און פאַר די תלמוד־תורה קינדער.

די בעסטע כלי־זמר האָבן געשפּילט און די בעסטע מארשעליקעס האָבן געדרשנט און באַזונגען חתן־כלה; און עס איז געוואָרן „ליהודים".

זיי האָבן אַריינגענומען די שנור צו זיך אין הויז. מען האָט זיי אָפּגעגעבן די בעסטע חדרים און מען האָט צוליב זיי אַריינגענומען נאָך אַ דינסט, זי זאָל זיי באַדינען.

מען האָט זיי געמאַכט די בעסטע מאכלים. דער שנור אָנגעטאָן אין די שענסטע קליידער מיט די טייערסטע צירונג. נאָר וועמען צו ליבן האָבן זיי איר נישט געגעבן; צוליב וואָס דער אויבערשטער האָט זי באַשאַפן און זי האָט נאָך דעם שטאַרק געבענקט.

נאָר, ווי זאָגט מען אַ ווערטל, דער אויבערשטער שיקט צו אַ שפּינער זיין לוין און אַ טרינקער זיין וויין! אַזוי ווי בערע חסיד האָט געפירט געשעפטן מיט דער רעגירונג — ער פלעגט צושטעלן געוויסע סחורות פאַרן מיליטער — פלעגט צו אים אָפט אַריינקומען דעם גענעראַלס אַדיוטאַנט וועגן געשעפט וועלכער איז געווען זייער אַ שיינער, יונגער אָפיציר.

דערזעענדיק די שיינע רחלע, וועלכע איז אים באַלד זייער געפעלן געוואָרן — און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז ער איר אויך געפעלן געוואָרן— און ער האָט שוין אָנגעהויבן קומען אָפטער, פון וואָס בערע חסיד איז געווען

זייער צופרידן, ווייל עס האָט אים געהאָלפן אין זיין געשעפט.

און דער אָפּיציר, פאַרברענגענדיק דערווייל מיט זייער שיינער שנור פון וועמען זיי האָבן געקליבן גרויס נחת, און אַזוי ווי ליבע האָט נישט קיין גרענעץ און קיין גלויבן — עס איז מן־השמים, — האָבן זיי זיך גוט פאַרליבט.

און אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען דערהערט, אַז בערע חסידס שנור, די שיינע רחלע, איז אַנטלאָפן מיט אַן אָפּיציר; פון וואָס די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַלד דערוווסט.

ווען איר פאָטער, לייבע די חלות, האָט עס דערהערט, איז ער גלייך אַוועק אַהיים, געשניטן קריעה און זיך געזעצט שבעה נאָך זיין בת־יחידה, וועלכע איז אים געווען טייערער פון זיין לעבן.

און בערע חסידס זון, זייענדיק זייער אַ שוואַכער און בענקענדיק נאָך זיין שיינער ווייבל, וועלכע ער האָט שוין ליב באַקומען, איז זייער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן.

און אַזוי האָט בערע חסיד מיט לייבע די חלות דערלעבט גרויס נחת פו̇ן זייערע איינציקע קינדער, וואָס דעם רבינס ברכות מיטן עגל־הזהב האָבן נישט געהאָלפן, ווייל ליבע איז שטאַרקער פון אַלעס אין דער וועלט; און מען קען עס פאַר קיין געלט נישט קויפן.

נאָר דער גרעסטער רחמנות איז, נעבעך, געווען אויף לייבע די חלות'ס ווייב. ער האָט איר פאַרגעוואָרפן, אַז עס איז פאַר אירע זינד האָט זיי גאָט געשטראָפט, ווייל די עפל פאַלט נישט ווייט פון בוים.

---

## בן־א. סאכאטשעווסקי

# א פענסטער אין שארדיטש

(רעמיניסענסן)

עס זיינען דאָ מאָמענטן, ווען עס גלוסט זיך צוריק אויפכאפן דעם עכאָ פו̇ן אַ געזאנג, וואָס איז אין אייגענעם עבר אמאָל אויסגעזונגען געוואָרן.

אויפן וועג באַרג־אַראָפּ פון לעבן ווערט שוין שוואַכער דער געיעג פאר אויסגעטראכטן גליק, רום און דערפאָלג.

דער געיעג פון נעכטן ווערט היינט אזוי נעבעלדיק און אונפארשטענדליך, און ליב און טייער ווערט בלויז די שטילקייט, וואָס איז פארבליבן אין געדעכטעניש, דער ווייכער אַמאָל געהערטער טאָן, וואָס איז געבליבן ציטערן אין דער נשמה, און וואָס שטורם און דראנג טעג האָבן בלויז געקענט אָפּרוקן אין הינטערגרונט, אָבער ניט דערשטיקן און אָפּמעקן אויף אייביק.

אזוי ווערן אויך מענטשן און געשטאלטן, הייזער און געביידעס צוריק אויפגעלעבט אין מוח פון אַ זקן בעת ער גייט שוין ארום אַ רואיקער, ניט געאיילט, און קוקט אריין אין זיינע אייגענע רעיונות ווי אין אַ שפיגעל, און זעט דאָרט אלעס וואָס איז פארבליבן איינגעקריצט אין זיין זכרון.



מען איז דורכגעלאָפן די גאסן, באגעגענט מענטשן, געשלאָסן באקאנטשאפט, באזוכט פריינד, נאָר אין געאייל האָט מען זיי פארלוירן, פארגאָסן אַ טרער ביית אָפּשטאַרבן פון אַ חבר, אַמאָל יאָ און אַמאָל ניט נאָך אַ טראַכט געטאָן וועגן אים, ביז וואנען מען האָט אינגאנצן אויפגעהערט צו געדענקען.

די אויגן פון לעבן האָבן געוווּנקען, גערופן, צוגעזאָגט, ביז וואנען די יאָרן האָבן זיך אַרויפגעלעגט אויף די אייגענע אַקסלען, און מען האָט אָנגעהויבן ציען חיונה פון נעכטן, לעבן היינט מיט דער בענקשאפט פון טעג, וואָס זיינען שוין לאנג, לאנג פארגאנגען.

מיט אמאָל, ביזטו מיט דיינע שטילע טריט דורכגעגאנגען אַ גאס, זיך ארויסגערוקט פון דעם מענטשן־געאייל, און שטיין געבליבן קוקן אויף אַ געביידע וואָס האָט דיך דערמאָנט אין די ווייטע טעג פון דיין יוגענד.

די דאָזיקע גאס איז דאָך מיר געווען אזוי גוט באקאנט אין יענע ווייטע יאָרן, און איך האָב געמוזט אַ קוק טאָן אויף דער שילד אויפן וואַנט ביים אָנהויב כדי זיך צו דערמאָנען, אז דאָס איז קאַלווערט עוועניו, שאַרדיטש, מזרח לאָנדאָן.

די טרעפן ארויף צו דעם קליינעם פארקל, ווו די עוועניו ענדיקט זיך, זיינען נאָך פארבליבן פונקט אזוי ווי אמאָל, גאָרניט האָט זיך געענדערט, כאָטש דער ארום איז צושמעטערט געוואָרן פון די דייטשע באָמבעס אין דער צווייטער וועלט מלחמה.

מיט אַ קלאַפּענדיק הארץ בין איך אריין אין קאַלווערט עוועניו צו זען אויב עס איז נאָך שטיין געבליבן די אַמאָליקע מארלאו בילדינגס אין וועלכע עס האָט געוווינט די מאסטבוים משפחה.

יאָ, אויך די דאָזיקע געביידעס זיינען ניצול געוואָרן

עס קען זיין אז שטיקער פון זיי זיינען פריער אָפּגעריסן געוואָרן, געווען אין חורבות, נאָר מען האָט זיי צוריקגעשטעלט און גאנץ געמאכט די צובראָכענע ציגל־ווענט גלידער.

דער נומער 13 מארלאו בילדינגס האָט איצט אויסגעזען פונקט אזוי גוט ווי דעמאָלט נאָך מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, דאָס זעלבע פענסטער אויפן צווייטן שטאָק האָט צו מיר אראָפּגעקוקט, נאָר דאָס מאָל מיט אַ פרעמדער לעדיקייט, מיט אַ ניט דערקענען מיך, ווייל קיין פנים האָט זיך ניט געשפּאַרט צו די שויבן אָדער דורך דעם אין זומער צועפענטן פענסטער צו זען אויב איך קום אָן.

אויב מען האָט אונז באמערקט אָנקומען אליין אָדער מיט אונזער קליינעם זון, אַלבערט, האָט פרוי איטה מאסטבוים אראָפּגעלאכט צו אונז מיט אַ פרייד, צופּאָכעט די הענט ווי זי וואָלט זיי וועלן אראָפּדערגרייכן אויפצוהויבן אלבערט'ן, און ווי נאָר מיר זיינען אריין אין קאָרידאָר האָט זיך איבער די שטיינערנע טרעפן דערהערט אַ געאייל פון איר טאָכטער, בת שבע, אונז אָנצוטרעפן אויף דעם אויפגאנג.

די טיר אויבן איז געווען צופראלט און אין איר האָט אויף אונז געווארט

איטה מאַסטבוים מיט אַ צושמייכעלט גליקלעך פּנים פּונקט ווי מיר וואָלטן ניט געווען קיין גאָר אָפטע נאָר זעלטענע געסט, וואָס באַווייזן זיך בלויז פון צייט צו צייט.

בת שבע האָט געכאַפּט אלבערט׳ן אויף די הענט, און ניט ווי אַ פריינדין נאָר ווי אַ הארציקע באָבע האָט איטה אויסגעקושט מיין זונדל, אונז באַוואָרפן מיט שאלות און געוואָלט אלעס וויסן וואָס מען הערט אויף דער יידישער גאַס, צי האָב איך שוין געזען דאָס נייע בוך וואָס איר יואל׳טשע האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן אין ווארשע, וואָס איז מיין מיינונג, און נאָך און נאָך פראגן.

מיר זענען דאָך ערשט פאַריקע וואָך דאָ געווען.

איטה מאסטבוים האָט זיך ווידער צושמייכלט. עס האָט זיך איר געדאכט, אַז מיר זיינען שוין לאנג ביי איר ניט געווען. אפילו פון יענער וואָך איז דאָך אזא לאנגע צייט.

בת שבע איז אַריין אין קיך עפּעס צוגרייטן, מיטגעפירט מיט זיך אלבערט׳ן ביים האנט.

איבער דער שטוב האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ מנוחה, און איך ווייס ניט אויב די זויבערקייט פון הויז, אָדער די ערלעכע פארחלומטע בליקן פון איטה מאסטבוים האָט דעם וואָכנדיקן טאָג פארוואנדעלט אין אַ יום טוב.

עס זיינען אָפט געווען שווערע דאגות פרנסה נאָר ביי די מאסטבוימס אין שטוב איז דאָס קיינמאָל ניט געווען צו באַמערקן.

די דאָזיקע דאגות זיינען דערטרונקען געוואָרן אין גייסטיקייט, אין די קאָלירפולע און פארשידנארטיקע אידעען און אידעאַלן, וואָס האָבן באלעבט און אַרויסגעצאָטעמט פון דער משפּחה.

יעדער פון די מאסטבוים קינדער, זין און טעכטער, האָבן געהאט זייערע באַזונדערע וועלטן, שטרעבונגען און געדאַנקען, און דאָך איז געווען האַרמאָניע, ווייל איין כוח האָט זיי אלע קאָנטראָלירט, אויף זיי משפּיע געווען און זיי צוזאמענגעהאלטן.

דער דאָזיקער כוח איז געווען די מאַמע, איטה, וואָס אלע האָבן ליב געהאָט, ווייל זי האָט קיינעם ניט געשטערט, נאָר געווען אפילו די אינספּיראַציע, די טרייב קראַפט, וואָס האָט צוגעגעבן און פארטיפט דעם תוכן פון געדאנקען און אידעען, וואָס אירע קינדער האָבן נאָכגעפאָלגט.

זי איז אויך געווען דער כוח, וואָס האָט אויפגעהאלטן ביי טאָג די זון אין איר הויז ניט בלויז דעמאָלט ווען די זון אין דרויסן האָט געשיינט, נאָר אויך אין די טעג פון ווינטער, געדיכטע פאָגעס און רעגן.

ערשט איצט מיט איבער דרייסיק יאָר שפּעטער האָב איך מיך דערמאָנט, אַז די זון האָט תמיד אריינגעלויכטן דורך די מאסטבוים פענסטער אויף קאלווערט עוועניו.

זאָל מען מיך ניט חושד זיין אין מליצה, ווייל איך באַנוץ אַזעלכע רייד, און דאָס איז דערפאר, וואָס איך קען מיך בשום אופן ניט דערמאָנען אַז איך



זאָל דאָרט האָבן באַמערקט טונקלקייט אפילו אין רעגנדיקע אָדער כמארנע טעג.

איצט ערשט נאָך מער ווי פריער זע איך פאַר מיר די גאנצע פאמיליע, יעדן איינעם פון זיי מיט זייערע אידעען און שטייגער לעבן. איך האָב אַפילו אמאָל געחלומט אָנצושרייבן אַ גרעסערע ארבייט וועגן דער דאָזיקער משפּחה. איך בין אָבער דעמאָלט געווען מער דיכטער ווי פּראָזאַאיקער און אין געלויף פון די יאָרן האָט מיך דאָס לעבן פארשלעפּט אויף אנדערע וועגן.

ערשט אַצינד מיט דעם אָנקום פון יואל מאסטבוים קיין לאָנדאָן האָבן אין מיין זכרון אויפגעלעבט די טעג פון אַמאָל, און איך זע זיין פאמיליע פון יענע טעג ווי אַ לעבעדיקע גאלעריע פאַר מיינע אויגן, אָבער ניט פון קיין בילדער, נאָר ממשותדיק לעבן, וואָס באַוועגט זיך און אָטעמט, כאָטש מאנכע פון דער משפּחה זיינען אין משך פון יאָרן פון מיר דערווייטערט געוואָרן.

איך וועל מיך דערפאַר באַמיען אַרויסצוברענגען אין באַזונדערקייטן יעדער פון די מאסטבוים געשטאלטן ווי איך האָב זיי אמאָל געזען און ווי אזוי זיי האָבן אויף מיר משפּיע געווען אלס מענטשן פון פארשידענע אנשויאונגען.

דאָס איינציקע וואָס איך האָב געוווסט וועגן זייער פארגאנגענהייט נאָך פאַר זייער אָנקום קיין לאָנדאָן איז געווען דער צער, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראכט דורך דעם וואָס די צאַרישע באנדע האָט אומגעבראכט זייער זון, אידל. איך האָב אָפט געהערט ווי דער דאָזיקער נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן, און איך האָב דערפאר געהאט דעם איינדרוק, אַז דער גייסט פון אידל איז אויך מיטגעבראכט געוואָרן אין מארלאו בילדינגס, און דאָרט האָט ער פאָרטגעזעצט דאָס לעבן, וואָס אנדערע האָבן פארשניטן.

די מאַמע פון דער משפּחה, איטה, איז אויך געווען די מאַמע פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט אין צארישן רוסלאַנד, אָבער די צארטקייט פון איר נשמה האָט אין זיך אויך אַריינגענומען אַ גאנץ אנדערע וועלט, וואָס איז באַשטאנען אין אייביקער רולאָזיקייט, חלום און בענקשאפט נאָך עפּעס וואָס האָט אפשר געקענט און איז ניט דערגרייכט געוואָרן.

זי האָט ליב געהאט איר מאן, די קינדער, נאָר טיילמאָל האָט זיך אויסגעדאכט, אַז אין איר ווארימען צניעותדיקן שמייכל וואָלט געווען אויסבאהאלטן עפּעס אנדערש, אַ וועלן שלום מאכן מיט אַ גורל וועגן וועלכן עס האָט זיך אזוי אנדערש געחלומט אין די טעג פון די גאָר יונגע יאָרן.

אין איר האָט געלעבט די בענקשאַפט פון פוילישן־יידישן שטעדטל און שטאָט.

אויך אין אירע רעיונות האָט זיך נאָך פון דער סאמער יוגנט אָנגעהויבן וועבן אַ ראָמאַן, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען אויפן גאַנצן לעבן. די פעדים פון דעם ראמאן האָבן זיך ווייטער געצויגן פון די ווערק וואָס זי האָט געלייענט. אומעטום האָט זי געזען וואָס האָט ניט געקענט געזען ווערן. זי האָט זיך איבערגעטראָגן פון איין חלום צום אַנדערן, פון איין רעיון צום צווייטן.

די נשמה איז געווען רולאָז, עס איז אין איר פאַרבליבן אַ לעדיקער חלול, און אפילו בשעת זי האָט געשמייכלט איז דאָס געווען ווי אַ אויסדרוק פון אַ

באַהאַלטענעם אונבאַוווסטן כוח צו פאַרבאָרגן די בענקשאַפט, וואָס האָט קיינמאָל אין איר ניט אויפגעהערט צו לעבן און עקזיסטירן.

אפשר האָט זי זיך אַליין געשעמט פאַר אירע אייגענע געדאַנקען, געהאַט דעם ווילן און טאַלאַנט נאָר זיי ניט געוואָלט אַרויסברענגען אויף פּאַפּיר.

אין איר גוטסקייט, אין איר חברישער און ליבער ברייטהאַרציקייט, איז געווען אַ געפיל פון שעמעוודיקייט, און עס קען זיין, אַז ווען זי וואָלט געוווסט, אַז זעענדיקע אויגן באַטראַכטן איר, דרינגען אריין אין אירע מחשבות, וואָלט איר קלאָר געווען אַז דאָס באַהאַלטן זיך איז אומזיסט.

איך האָב געזען און געקענט איר נשמה, נאָר איך האָב ניט געוואָלט, אַז זי זאָל דאָס וויסן, און אפשר האָט זי יאָ געוווסט און זיך געמאַכט ניט זען.

איטה מאַסטבוים איז געווען די פרוי און מוטער, וואָס האָט זיך באמית אָפּצוטיילן איר גייסטיקע וועלט פון דעם ממשותדיקען לעבן, שאַפן אַ מחיצה צווישן זיי און בלייבן שטיין אין דער מיט צווישן חלום אוןווירקלעכקייט.

זי פלעגט אַרומגיין אַזאַ רואיקע, צעוואָרפן און אָפּגעשטראַלט פון זיך אַ ליכטיקייט, און געוואָלט זען אין אירע קינדער דאָס סאַמע שענסטע, פאַרבנרייכקייט אין גייסט.

דאָס שייטעל וואָס זי האָט געטראָגן האָט זי געדולדיקט אפשר בלויז דערפאַר, וואָס איר אַמאָליקע פרומע היים האָט עס אויף איר קאָפּ אָנגעטאָן.

איז איטה געווען פרום?

עס איז מעגלעך אַז די טראַדיציע איז איר נאָכגעגאַנגען, אין אירע געדאַנקען איז געווען גלויביקייט, אָבער פרומקייט איז געווען אַ צוטשעפּעניש פון פאַרגאַנגענע טעג, און ניט אַזעלכעס אין וועלכן זי האָט זיך געקלאַמערט.

איר געדאַנק איז געווען צו פריי ניט צו זען עפּעס אַנדערש ווי די אייגענע ענגשאַפט וואָס דער גלות און די געטאָ אין פּוילן און אַנדערשוווּ האָט פון זיך געשאַפן.

דער היפּוך צו איר איז געווען איר מאַן, ר׳ אהרן יצחק. ער איז געווען העכער פון איר אין וווּקס. אַ מענטש מיט אַ פעסטן כאַראַקטער. זיין וועג איז ניט געווען איינגעהילט אין פאַרבאָרגענישן.

אויב איטה האָט געהאַט אַ מילד און צאַרט פּנים, אַ שפּראַך אין וועלכע עס האָבן זיך געהערט ציטערנישן, איז אהרן יצחק׳ס פּנים געווען פעסט פּונקט ווי זיינע ליפּן וואָס האָבן אויסגעדריקט ווילן און עקשנות.

פון זיינע יונגע טעג האָט ער מיטגעבראַכט אַ זאַט לעבן, געשטאַנען אויף געזונטע פיס, קיין שום זאַך איז פאַר אים ניט געווען פאַרנעבלט.

זיין געדאַנק האָט פאַר אים אָנגעצייכנט דעם וועג, דעם ווילן צום קאַמף פאַר אַ שענער און בעסער לעבן. ליידן האָבן זיין גלייכן קאָפּ ניט געקענט בויגן.

דער עקשנות האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן אויך בעת ער איז שוין געווען אין לאַנדאָן און דאָ אָנגעטראָפן אויף אַ גאַנץ אַנדער לעבן.

(סוף קומענדיקן חודש)



# א. נ. שטענצל

## אין ווינט און אין רעגן

(צוויי סאָנעטן)

I

עס גייט דער גערטנער מיט בעזעם איבער די וועגן,
און פאַרקערט די בלומען אין אַ הויפן מיט מיסט —
„איז זון גאַנצן זומער געווען נאָר אומזיסט",
אַז איצט פאַרפוילן מיר זאָלן אין ווינט און אין רעגן?

„ווען געבליט מיר האָבן, ווי פלעגט מען דאָס אונז פלעגן,
און אַצינד אַז דער וויסטער רעגן אונז פאַרגיסט — —"
וויאַנענדיק שאָרכן די בלומען: „ווי דאָס פאַרדריסט!"
און בלייבן פאַרשוויגן אינמיטן זייער פרעגן.

בלייבט דער גערטנער אָנגעלענט אויפן בעזעם שטיין,
ווי איינגעהאָרכט ער וואָלט זיך צו אַ שטיל געוויין,
און ער ווערט פון אַזאַ אומעט אַרומגענומען —

„יאָ, אָט־אָ דאָס־אָ איז עס טאַקע אינגאַנצן:
איין זוימענדל קוים זאָל זיך קאָנען פאַרפלאַנצן,
מוזן אַזויפיל בלומען וויאַנען און פאַרקומען".

II

ברייט־ביייניק־צעצווייגט, ווייט־צעשפרייט, יוסט צעשטרעקט און פעסט,
דער רעגן טריפט פון אים ווי געזונטע שוויס־טראָפן;
איבער זיין ברייטן אַקסל, אונטערן צוקאָפּן,
פאַרשטערקט פאַר קומענדיקן פרילינג טראָגט ער אַ נעסט —

און אַז אַצינד פון שטאַרבן און פון טויט און פון פעסט,
ס׳שרייען וואָרנעס אויף אים מיט קראַקן און מיט כראָפּן,
און מיט פינסטערע פליגל דעם קאָפּ אים פאַרקלאַפּן —
די קומענדיקע פייגל געסט, ער נישט פאַרגעסט.

ברייטביייניק־צעצווייגט, ווייט־צעשפרייט, פעסט צעשטרעקט און יוסט,
און מיט דער זעלבער פרייד און מיט דער זעלבער לוסט,
וואָס געטובלט ער האָט זיין קאָפּ אין שטראַלן און אין זון,

באָדט ער זיינע וואָרצלען איצט אין דער צעווייקטער ערד,
פון ווינט און פון רעגן די קאָרע שמיידיק ווערט —
אַ דעמב מען מוז שוין זיין צו פילן דעם תענוג דערפון.

## אקטאבער־וואָלקנס

I

פון וואָלקן די אויפגייענדיקע זון,
זי קאָן זיך נישט אַרויסאַרבעטן מער ;
צי קאָן מען דען אויסווישן פון אַ אויג,
אַן איינגעהאַלטן, נישט געוויינטע טרער ?

קלענער עס ווערט, איינגעשרומפּן קאַלט,
און זשמורעט ווי מיט אַ בייזלעכן בליק,
עס פאַרמאַכט זיך אויסגעלאָשן פינסטער,
און אַזאַ רויטס ווען ס׳עפנט זיך צוריק —

אַ סאָווע אַ צעפלאָשעטע אין ווינט,
וואָס וואַכט פאַר חולה׳ס פענסטער אין די נעכט,
און מיט אויסגעקיילעכטן רויטן אויג
בליצט זי צו : אוי, ס׳איז פאַרביי שוין, ס׳איז שלעכט.

II

אַן ארון מיט טויטן־טוך צוגעדעקט,
שלעפּט זיך שטיל אַ וואָלקן אויסטערליש גרויס,
פון די איינגעשפּאַנטע פאַרהילטע פערד,
מ׳זעט קוים די אויערן־שפּיצן אַרויס.

ס׳נעמט גאָר קיין סוף און מען זעט נישט קיין ענד,
צו די אבלים מחנה אין באַגלייט ;
די זיך איבעריאָגנדיקע וואָלקנס,
איינע אין דער צווייטער אַריינגעדרייט.

אַ גלאַטע מטבע, אַ קופּערנע,
אַן אָפּגעריבענע פאַרבלאַקעט אַלט,
פאַלט זון אין אַ שוואַרצער כמאַרע אַריין —
אינם תציל־ממות פושקע שפּאַלט.

## לעצטע באבע יאכנע פעדעם

ס׳האָט באָבע יאַכנע אַראָפּגעוויקלט,
פאַסמעס פעדעם פון די הענט פון אַ לץ,
אין די לאַנגע קאַלטע נעפּל נעכט,
אויסצושפּינען פון זיי אַ זיידן נעץ.

וואָלטן אירע אויגן גוטע געווען,
נישט געציטערט אירע בייניקע הענט,



אין די ווינטער נעכט דאָס זיידענע נעץ,
פערטיק מאַכן זי וואָלט זיכער געקענט.

ציטערן אָבער די שטייפע פינגער,
די לעפּלעך פאַלן שלעפעריק אַראָפּ,
און דער דינינקער זיידענער פאָדים,
יעדע רגע רק ער רייסט זיך נאָר אָפּ.

איז עס צו די אויגן פונם שפּיזל,
אָדער צו אירע וואָס פאַלן מיד צו,
ס׳ווינקט טונקל דער לץ פון ווינקל אַרויס :
באָבעניו, פלינקער אַ ביסל, אַ־נו — —

## אין ערשטן אקטאבער נעפּל 1950.

פאַר דיר

נישט זון, נישט לבנה און נישט שטערן — —
פאַר אַלץ נאָך, פאַר בראשיתדיק ווערן — —
ערשטער אַטאָם אין אין־סופיקע וייטן — —
פון בענקעניש נישט מער אויסצוהאַלטן,
זיך אַליין אין צווייען צוצעשפּאַלטן,
אויף צו באַהעפטן זיך — האָבן אַ צווייטן.

ס׳וואונדערלעכע גאַרנישט אויפצוהערן — —
ערשטער אַטאָם געשפּאָלטן צו ווערן — —
פון אָנשטרענג בלויז, פונם גיין פון די קרעפטן,
אויפגעלויכטענע מיליאָנען וועלטן ;
און ערשט פון דער פרייד, פונם פאַרגעלטן,
ווען צוריק די צוויי העלפטן זיך באַהעפטן —

נישט זון, נישט לבנה און נישט שטערן,
איין רגע און איך וועל אויך נישט ווערן,
אין ווייטן אין־סופיקן — נעפּל צערונען !
אין מיליאָנען שטויבעלעך צוצעוויען !
ביז אַ באַהאָפטענער צוריק אין צווייען,
אויפלויכטן אַזוי אין טויזנט זונען.

## דער ערד־קיילעך

אַ גרויע פאַרפלאָנטערטע בוימוואָל קנויל,
נישט צוגעפינען מער פון אים דעם עק,
אַרויסגעפאַלן פון אַ מידער האַנט,
אָדער גאַנץ אים שוין געוואָרפן אַוועק.

עס שפּילן די קעץ מיט אים קאַץ און מויז,
און שליידערן אים אַהין און אַהער,
ציינער און גראַטשעס פּליקן און רייסן,
און פאַרפלאָנטערט ער ווערט אַלץ מער און מער.

ביז אין ווינקל ער וועט ליגן בלייבן,
פון בייזער קאַץ אַ דערוואָרגענע מויז —
דער גרויער פאַרפלאָנטערטער ערד־קיילעך,
אַרויסגעפאַלן פון גאָט׳ס האַנט אַרויס.

## צו דער זון

אַז עס לאָזט זיך אויס דער פאָדים,
צו אַ צווייטן מ׳קאָן אים צוקניפּן,
אָבער צי קאָן מען ס׳שנירעלע —
צווישן ציין צעביסענע ליפּן?

ס׳פאַרוויקלט זיך אַ דינער דרים,
מ׳דריוולט אים אויס ווייטער צו וועבן,
אָבער צי קאָן מען׳ס אויך טון,
מיט פאַרפלאָנטערט פאַרוויקלט לעבן?

אַ קנויל, אַן אויסגעדריוולטער,
די אָקטאָבער זון פונם נעפּל!
מיינע ליפּן צעביסענע,
קניפּן זיך אין שטילן געפּרעפּל — —

## רבי מאירס געבעט

„אלהא דמאיר עני״
(פראַגמענט)

צי ווייסן מיר דען ווי אַזוי און אויף וואָס מתפּלל צו זיין,
ס׳איז דאָך נאָר די שאָל, דאָס אויסערלעכע, וואָס דער מענטש דערזעט;
נישט אַז ס׳זאָל אַנדערש ווערן, אַז ס׳זאָל געשען וואָס מיר ווילן —
דעם גורל צו קענען דערטראָגן, דאָס בלויז איז מיין געבעט!
אַן אַנדערער צו ווערן, אַן אַנדערע אַז זי קאָן זיין,
עס פלאָנטערט זיך מיין געדאַנק דאָס אַז איך הויב אָן צו פאַרשטיין.

דעמלט ווען אונזערע קינדער געלעגן זענען טויט,
געטוליעט זי האָט זיך צו מיין לייב מיט לאַשטשענדיקער פרייד;
די געצונדענע ליכטעלעך, צוקנדיק אין אירע אויגן,
און פון קדושה ערשט איך האָב פאַרשטאַנען דעם באַדייט.
מיט הונדערט פופציק טעמים איך קאָן אַ שרץ מטהר זיין,
נאָר אַזאַ געריניקטקייט צו טיף פאַר מיר צו פאַרשטיין.



פון אלישע בן אבוהו געוואָרן אַן אחר,
געזען ער האָט ישבב הסופרס צונג שלעפּן אַרום די הינט;
איז ווער ווייסט וואָס פון מיין ברוריא ס׳איז געוואָרן,
ווען געזען זי האָט איר פאָטערס לייב, אַש צעשטויבטער אין ווינט?
אין אַ ברענענדיקער ירועה, אין איר לייב, איך וויקל מיך איין;
ברוריא, מיין ווייב, דיין ליבשאַפט איך וואָלט נאָר געקענט פאַרשטיין.

פאַר אַלע, וואָס קומען צו מיר, אַ משל איך האָב, אַ וואָרט,
און אַ פריילעכער אַהיים ס׳גייט דער אומגליקלעכסטער מאַן;
ווי אין טיפסטער פינסטערניש אין פאַל און טיף איך פאַרזינק,
איבערשפּרינגען איך וויל דעם תהום, וואָס צווישן אונז ס׳איז פאַראַן.
ברוריא, מיין ווייב, איבער דיין לייב כ׳גיי דערקלעטערן, כ׳גיי דערגיין,
דעם נמשל פון איין וואָרט בלויז משיג צו זיין און צו פאַרשטיין.

אין אונזער געביין יענער טראָפּן, וואָס טריפט אָן אויפהער,
לעכערט דאָס שטאַרקסטע האַרץ, ווי דעם האַרטסטן פעלזן־שטיין;
און די אכזריותן אין אונז, ווען נישט איבער אַ צווייטן,
איבער אייגענעם לייב מען מוז זיי קענען איבערגיין —
אָ, ס׳איז די ליבע נישט אין יענעם געראָטעוועט צו זיין,
יענעם און זיך צו ראַטעווען — — ברוריא, דאָס צו קענען פאַרשטיין.

יאָ, עס איז מיין גאַנץ לעבן נאָר געווען אַזאַ לערנען בלויז,
די שאָל אַוועקצוואַרפן און אַרויסצונעמען דעם תוך,
און פון דיר ברוריא, די שענסטע פרוכט פון מיין לעבן,
דאָס זיסעסטער, דאָס לעצטע, אַרויסצוזויגן נאָך — — —
„מה נאה אלון זה״! און ערשט ברוריא ווי דו ביזט שיין!!
משוגע איך ווער דאָס משיג צו זיין, דאָס צו פאַרשטיין.

אחר, אין שטויב פון דיין פּערדס שריט איך בין געגאַנגען,
און דאָס אויך נאָר איין איינציקן, איין שבתדיקן תחום,
און נישט מער צום קערן שוין, צום האַרץ איך וויל דערגרייכן,
איך וויל זי רייסן צו מיינעם — אַן אָפּגעריסענע בלום — —
און איז די שאָל דען נישט שענער ווי די פּירה אַליין,
ווי מיט אָפענע אויגן מען קאָן זען מער, ווי מיט טיפסטן פאַרשטיין?

מיט די אויגן, מיט די הענט, מיט לייבהאַפטיקן לייב,
אַרומנעמען אַ מענטשנס גוף ווי אַ גאָלדענעם געץ,
אין ווייסן קאַלטן ציטער פון דיינע אָרעמס, ברוריא,
איך בין געבונדן ווי אַ פאַרשטריקטער אין אַ נעץ.
דייך יעטווידן באַוועג, אַ געשניצטן ווי פון עלפנביין,
איך שפּיר נאָך, אפשר, מיט מיין גערוך, צו קענען פאַרשטיין — — —

אַ, מיט קיין טעמים איך קאָן מטהר זיין אַ שרץ,
אָבער זיך אַליין מטהר זיין איך קאָן נאָך נישט אַלץ !
דאָס זענען די טרערן וואָס פליִיצן איבער דיין געביין,
ווען איך פאַל מיט פאַרמאַכטן בליק איבער דיין קלאָרן האַלדז.
פילסט אַ שטריק צווישן מיינע ליפּן די פאַרביסענע ציין,
אָדער מיינע טרערן אין פערל שנירלעך אויפציען דו ווערסט פאַרשטיין ?

ברוריא, עס איז אַן אויפגעשריבענע ירועה אַ שאָל נאַר,
דער קערן — אין פלאַקער אויפגעגאַנגענער מענטשלעכער לייב !
אַ הייליקן שם פון צוויי אותיות צוזאַמענצושטעלן,
פון ברענענדיקן אהבה־פלאַם צווישן מאַן און ווייב.
צי ווייסן מיר אויף וואָס און ווי אַזוי מתפלל צו זיין — — —
און צי קאָנען זיך דען די אותיות אַליין פאַרשטיין — — —

---

יוסף הלל לעווי

## משה עובד דער באַזינגער פון מיסטעריען

(אַ נישט געהאַלטענע רעדע צו זיין יובל)

נאָך אין יאָר 1917 האָט משה עובד זיך שוין באַוויזן : מיט אַ שלאַנק ביכל פון נישט געגראַמטע תפילות, שירים און זמירות — „אַרויס פונם כאַאָס"...

ווייל שוין דעמאָלט האָט עס אין דעם אייביק האַלב פאַרלוירענעם, זיך קיינמאָל נישט געפינענדיקן און תמיד זיך זוכנדיקן גענאָגט דאָס געפיל, פון ווערלן זיין אַן אמתדיק געטרייער „שליח־ציבור".

און ער איז אַריין אין דעם פאַרכשופטן ראָד און זיך אָנגעהויבן צו ראַנגלען : מיט ליכט און פינסטערניש, מיט גוף און נשמה, מיט מאַן און ווייב, מיט יחיד און כלל, מיט ליבע צום מענטש און ליבע צו גאָט.

און הגם ער האָט דאָס אַלעס נאָך דעמאָלט נישט באַוויזן, אויף קלאָר אויסצודריקן, האָט אָבער פאָרט שוין אַרויסגעציטערט דער „נרעש ונפחד מפחד יושב תהילות ישראל" פון זיין יעדן אות, וואָרט, שורה און פסוק.

ווייל שוין אויך דעמאָלט איז ער געוואָרן אויפגעשווידערט און פשוט ווי באַנומען פאַר דער אומבאַגרייפלעכער טיפקייט : פון דעם „אלהי אברהם, אלהי יצחק, ואלהי יעקב !"

און עס האָט אים געטריבן זיך צו בעטן אויך זיין געלעגער ווי אַמאָל יעקבן : מיט שטיינער אונטערן קאָפּ, זיך צו בויען אַ הימל־לייטער, און מיט מלאכים צו ראַנגלען...

און פון זיין יעדן טריט און שריט, מחשבה און מעשה האָט אַרויסגעאנקסטיקט דער „רחום וחנון אלהי ישראל", מיט דעם געוואַלטיקן שדי איום ונורא! הגם זיינע דיכטערישע כחות זענען נאָך דעמאָלט זייער באַשיידן געווען,



זיינע שפּראַך־מעגלעכקייטן באַגרענעצט און אויך דער סטיל נישט איבריק קלאָר, האָט עס אים אַלץ נישט אויפגעהערט צו ציען צו דעם „אהיה, אשר אהיה".

ווייל אַן יהוה האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקענט דעם ייד פאַרשטעלן, און אַן דער שכינה דאָס יידישע פאָלק.

האָט טאַקע כסדר געלאָזט זיך פילן — פון זיין אַנטלויפן, צוריקקומען און ראַנגלען, דאָס מתפלל זיין בלחש צום בורא „ותגער בשטן לבל ישטינני".

דערפאַר איז טאַקע זיין ערשטע תפילה אויך געריכטעט צו גאָט, און זי הויבט זיך אָן מיט גאָט : „גרויסער אַלמעכטיקער גאָט פון מיינע אבות, שטאַרק מיך און דערהויב מיך, גיב מיר כוח און מוט צו זאָגן דעם אמת, און צו ווייזן דעם ריכטיקן וועג פון לעבן".

אוודאי זענען די ערשטע ווערזעס, עמאַציעס און געזאַנגען נאָך געווען פּרימיטיוו, צומאָל אויך מאָנאָטאָן און נישט גענוג דייטלעך.

און אַ מורה ומוכיח, — מוז האָבן אַ לויטערע פעסטע שטים, און נישט נאָר אַליין וויסן וואָס ער זאָגט, נאָר אויך דעם אַנדערן מוז פאַרשטענדלעך זיין דאָס געזאָגטע. ווייל די מיסיע פון אַ יידישן דיכטער איז טאַקע צו זינגען און צו זאָגן, ווי אונזערע אַלטע שלוחי־ציבור האָבן עס געטאָן.

און אַז משה עובד פילט זיך באמת פאַר אַזעלכן — דערויף זאָגט טאַקע עדות דאָס קאַפּיטל 40, נאָך פון זיין ערשטן ביכל : „אַרויס פון כאַאָס" ווו ער שרייבט : ווער בין איך, און וואָס בין איך, צו ריידן צו די מענטשן אין דיין נאָמען ?

האָט גאָט אַזוי מיר געענטפערט : יאָ, טאַקע דעריבער, טאַקע דעריבער, האָב איך דיך אויסדערוויילט פאַר מיין שליחות ; דו ביסט דער מענטש — אויף וועלכן דו האָסט געוואַרט און געהאָפט צו באַפרייען...

דו ביסט דיין אייגענער שטערן. איך באַשאַף דיך פאַר אַ האַרצן־היילער און נשמה־פאַסער פאַר אַלע מענטשן. יאָ, דו ביסט דער מענטש און הייליק איז דיין פייער ! דו ביזט דער מענטש און דיין פייער — איז גאָט !

אַפילו אַביסל אָנגעהויכט מיט ניטשעאַניסטישן אינדיווידואַליזמוס, פון וועלכן משה עובד איז היינט שוין זיכער ווייט — ווי מזרח פון מערב.

און ערלעך געזאָגט, איז מיר פערזענלעך דער גאַנצער ענין פון פסוידא נביאות (אַריינגערעכנט אַפילו די קלאַסישע פון ביאַליקן) נישט איבריק סימפאַטיש, מחמת ווי גוט און ווויל אונזער איינער זאָל עס נישט נאָכמאַכן, האָבן עס די נביאים שוין זיכער עכטער און בעסער געמאַכט.

דאָס זעלביקע געפיל מוז איך מודה על האמת זיין האָב איך אויך צום „אויסלייזונג פּראָבלעם". הגם עס איז מיט אונז היסטאָריש אַזוי ווייטאָגדיק פאַרקניפּט און פאַרבונדן.

מיין ווייניקייט האָט פאַרלוירן יעדע אמונה פון יעדן מין „אויסלייזעניש".

יאָ, פון אַ תפיסה מוז מען, קען מען איינעם אויסלייזן ווייל — „אין חובש מתיר עצמו מבית האסורים".

אָבער פּסיכיש, גייסטיק און סאָציאַל, קען נישט איינער אַלע אויסלייזן נאָר אַלע איינעם.

וואָס דער יחיד קען אָבער יאָ, — דאָס איז דאָס פונאַנדערצינדן און אויפוועקן דעם באַגער נאָך פרייקייט; אָבער באַפרייען מוזן זיך אַלע אַליין. ווייל נאָר די מאַסע קען דעם יחיד באַפרייען.

די הילף וואָס אַפילו, מישטיינס געזאָגט, דער בעסטער יחיד קען שוין ברענגען צו דער מאַסע, האָט אַפילו נישט דעם ווערט: ווי די ברייזעלעך וואָס מען וואַרפט יעדן טאָג מיטן טישטוך אַרויס נאָכן עסן. טאָ ווי זאָל איינער קענען גוט מאַכן דאָס, וואָס אַלע האָבן במשך פון דורות שלעכט געמאַכט?!

אין מ. עובד׳ס צווייטן ביכל: „לעבנס לידער“ זענען די טעמעס און די פּראָבלעמען וועלכע ער באַהאַנדלט דאָרט כמעט אויך די זעלביקע, ווייל פאָלקס־אומגליק, גלות־השכינה און ליבע צום פאָלק אויפן שיר־השירים־מדיקן שטייגער בלשון סימבאָל, — דאָס דרינגט פון אומעטום אַרויס.

אַזוי אַז מען געווינט דעם איינדרוק — סימבאָליק, אַלעגאָריע, פּערזאָניפיקאַציע: דאָס זענען אייגנטלעך די עלעמענטן פון משה עובדס שאַפן.

הגם אין די ׳לעבנס לידער איז מ. עובדס שפּראַך שוין אַביסל אַ רייפערע, איז זי אָבער פאָרט נאָך נישט גענוגנדיק פאַרטיפט אויף צו קענען אַלעס אַזוי קינסטלעריש קלאָר אַרויסברענגען, ווי דער דיכטער האָט עס אייגנטלעך געהאַט בדעה.

ווייל דער מיסטיציזם וואָס מ. עובד האָט זיך צום געביט געמאַכט, פאַרלאַנגט דווקא אַ טאָפּלטע שילדערונג־קלאָרקייט, מחמת אומקלאָר איז ער שוין פון אַליין . . .

און ווען דער דיכטער קומט נאָך און באַשווערט אים מיט נישט גענוגנדיק קלאָרע מעטאַפאָרן, משלים, עמאָציעס און מחשבות — קענען אַפילו די בעסטע לידער פסול ווערן.

און אַז משה עובד קען און האָט דעם כוח צו זינגען שיינע, קלאָרע און גוטע לידער, — באַווייזן אַ סך לידער זיינע, אויך פונם פריערן פעריאָד, ווי דאָס ליד „יידיש“, וואָס איז אידייאיש, געפילפול און שפּראַכלעך, כמעט קלאַסיש. דאָס ליד לייענט זיך פּשוט, דערפאַר אַזוי באַהאַרצט און אינטים, אַז עס באַוועגט און אינספּירירט כמעט יעדן איינעם טיף אַפּעלירנדיק צו זיין ייִדישן געמיט און ווער עס קען אַזעלכע לידער אַזוי פּשוט אָנשרייבן, איז דאָס שוין דווקא גאָרנישט אַזאַ פּשוטע זאַך, מחמת דאָס באַווייזט נישט יעדער הדיוט.

אָבער ליידער האָבן זיך אין דעם פיינעם ליד אַריינגעכאַפּט צוויי נישט פּאַסיקע שורות מיט וועלכע דאָס ליד פאַרענדיקט זיך, און די דאָזיקע זענען:

„פאַרגעס נישט פאַר ווייטיק און פרייד, אָפּצושניידן: צוויי ערליכע, שיינע,
גאָלדענע לאָקן, און טראָג זיי אייביק נאָענט צו דיין האַרץ“.

די צוויי שורות ווי געזאָגט, קלינגען ווי אַ שטיקל דיסאָנאַנס אין דער פיינער האַרמאָניע מיט וועלכער דאָס גאַנצע ליד איז אַדורכגעוועבט.

מחמת פון אַ שפּראַך לאָזט זיך נישט שניידן קיין גאָלדענע לאָקן צום אָנ־



דענק. און ווען יאָ, דאַן מוז דאָס געהעריקער און קלאָרער צופויער פּערזאָניפיצירט ווערן. אָבער דאָס קען משה עובד לייכט פאַרבעסערן, און דאָס ליד בלייבט פּשוט ווי אַ פּערל אין דער יידישער פּאָעזיע.

זייער כאַראַקטעריסטיש און סימפּטאָמאַטיש בלייבן אויך פיר סטראָפן אין דער גרעסערער פּאָעמע: „די שכינה און דאָס מענטשנקינד“ פון דעם זעלביקן בוך „לעבנס לידער“. ווייל די 4 סטראָפן זענען מרמז אויפן עתיד און טראָגן אויך אין זיך פונקן פון נביאישע חזיונות.

אינעם יאָר 1924, ווען די וועלט האָט אַפילו נאָך נישט געקענט אָנען — פון אַזאַ עקזאַמינירטן, קוואַליפיצירטן משוגענעם רויבער און פאַרברעכער, ווי היטלער מיט זיינע משרתים און יוצר משרתים, בתוכם אויך אַריינגערעכנט: די נעבעכדיק פּאַסיווע און נאַאיווע דייטשע מאַסע, — האָט שוין דעמאָלט משה עובד אינטואיטיוו געזונגען:

„זעסטו דאָרט — פינסטערע קרום־געשלעגלטע היילן?
דאָס איז דער וועג — וואָס דו מוזט דיר אויסוועלן,
דאָס זענען די היילן פון די קומענדיקע דורות;
זיי וועלן אויף דיר וואַרפן טויזנטער מוראת.

וועסט דאָרט דינען מיליאָנען געצן,
פאָלגן — נאָכאַמאָל אַזויפיל געזעצן.
צען מאָל אַזוי פיל וועסטו שטאַרבן,
און ביטערע ווייטיקן ארבן!...

וועסט נישט פאַרשטיין דיינע אייגענע ווערטער,
פוילן אין טויזנטער ערטער,
דיין אייגן פלייש וועסטו עסן —
אָן אַלעם פאַרגעסן, פאַרגעסן...

אַרומוואַלגערן וועסטו פאַרפּלאָנטערט, קאַרקנופּט און פאַרקנוילט,
זיך אויפצוקניפּן וועסטו נישט וויסן ווי אַזוי, און זיין צופוילט,
וועסט צאָלן אַ לעבנסשטייער:
זיך צו באַפרייען מיט אַ גיהנום־פייער“.

ליידער האָבן מיר טאַקע באַצאָלט „מיט אַ גיהנום־פייער“ פון 6 מיליאָן יידן, פאַר דער נעבעכדיקער באַפרייאונג.

מיר האָבן אויך געפוילט אין טויזנטער ערטער, דאָס אייגענע פלייש געגעסן, — און אָן אַלעם פאַרגעסן, פאַרגעסן...

מיר האָבן אַפילו פאַרגעסן אַז מיר, מיט די פייניקער און די וואָס האָבן צוגעקוקט ווי מען האָט אונז געפייניקט זענען אויך אַמאָל מענטשן געווען.

אַזוי איז כמעט דאָס גאַנצע ליד אָנגעזאָפּט מיט די טרויעריק־פאַרצווייפלטע זעאונגען און ביטערע פאָרגעפילן פון אַ שווידערדיקן סוף.

אַמאָל האָבן חסידישע מקובלים על פי גמטריה געזוכט מגלה הקץ צו זיין, מצרף געווען פאַרשיידענע אותיות, און מיט זיי אָנגעזאָגט משיחס קומען.

משה עובד דאַקעגן — זוכט נאָר מבואר צו זיין דעם „אלף־בית" דער־מיט וואָס ער באַצירט אים מיט זיינע געפיל און געדאַנקען־תגין... לייגט אין אים אַריין זיין פאַרבענקטע נשמה, — און נעמט צוריק אַרויס די נשמה פונעם פּאָלק, עדות דערויף זאָגט אַמבעסטן זיין לידער בוך: „אין חדר אַריין". ווייל אין דעם דאָזיקן בוך איז מ. עובדן געלונגען שוין אויף אַ מער קינסטלערישן אופן מיט אַן אנטוויקלטערער געריפּטער שפּראַך אַרויסצוברענגען: זיינע מיסטי־שע וויזיעס, געדאַנקען און געפילן; דורך סימבאַלישע און אַלעגאָרישע משלים, ביז זיי האָבן באַקומען פלייש און בלוט און געוואָרן כמעט ווי רעאַליסטישע קרעאַציעס.

דאָס בוך „אין חדר אַריין" פאַרמאָגט אויך אַ סך קולטורווירטע לידער וועלכע אָטעמען מיט פאָלקסטימלעכן אינדיווידואַליזם, אָדער אינדיווידואַליס־טישע פאָלקסטימלעכקייט. און בכלל פילט זיך דאָרט אויך אַ גרויסער פּראָגרעס אין דער ווערזיפיקאַציע.

באַזונדערס געלונגען זענען: דאָס ערשטע ליד די „יידעלעך פון אלף בית" און דאָס לעצטע ליד „חכמת־החשבון" (ביידע פונעם ציקל־לימודים פונם ערשטן זמן). די צוויי לידער זענען בלי שום ספק ראוי צו פאַרנעמען אַ בכבודן אָרט אין אנטאלאָגיעס און אין קינדער כרעסטאָמאַטיעס, ווייל הגם זיי לייענען זיך שפּילעוודיק און לייכט, קומט פון אונטער דער שפּילעוודיקער לייכטקייט צום אויסדרוק דאָס שווער אָנגעווייטיקטע יידישע לעבן, דער יידישער מהות, מיט דער יידישער טראַגיק.

נאָר אַ שאָד, וואָס מ. עבוד האָט אויסגעלאָזן אינם ליד „חכמת החשבון" דאָס מבואר זיין פון דער „ט", מיט דער „י", — ווען מ. עובד וואָלט די צוויי אותיות אויך נאָך געוועזן אויף זיין עובדישן אופן אויסגעטייטשט, וואָלט דאָס ליד אַ סך מער געווינען.

אַז משה עובד פאַרמאָגט אַ פּאָעטישן גייסט איז קלאָר, אָבער עס קעמפן אין אים מאַנכעס מאָל נאָך עלעמענטן: פון דעם אַמאָליקן חזן, בדחן און מגיד; און טאָקע דער לעצטער וויל איבעראָל דעם אויבנאָן, דעמאָלט ווערט אויך זיין סימבאָליק פאַרשווומען און ס'הינקט אונטער דער ווערז.

עס זענען אָבער ביי אים אויך דאָ אַ סך פון אַזעלכע ווערזן וועלכע רייסן זיך ווי די בליצן אַדורך דעם תהום פון זיין אָפּטמאָל פאַרנעפּלטן וועזן, און העלן אויף מיט זייער ווייטן שימער זיינע געדאַנקען און געפילן...

זייער אימפּרעסיוו ווירקט אויך דאָס ליד „גדליה" (פון בוך „אין חדר אַריין") דאָס איז אַ ליד וועלכעס קלינגט פשוט אויטאָביאָגראַפיש.

עס פאַרמאָגט אַ גוטן הומאָר, אויסגעמישט מיט איראָניע און סאַרקאַזם. און דערפאַר הערט עס זיך אַנגענעם און מיט אינטערעס אַן ווען משה עובד זינגט:

נאַריש קינד, נאַריש קינד,
דיין ניצוץ גדליה, איז דאָך פאַר גאָלד, —
פאַר גאָלד, נישט פאַר טינט!



ער איז אָבער פאַרליבט אין דעם כבוד פון שרייבעריי
און האָרכט מיך ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי.
איך אַליין האַנדל און וואַנדל,
פאַר אַ ברעקעלע אמת גיב איך ליכטיקע נשמה;
פאַר אַ ראָזשינקע — אַ מאַנדל,
פאַר חרוסת — גיב איך כוסות,
פאַר אַ ביסעלע זוימען, —
גיב איך אַ גאַנצן סאָד מיט פלוימען.

און יברך שמי,
מ'לייגט חלילה נישט צו.
אָבער גדליהן פאַסט נישט צו זיין אַ סוחר, —
אומשטערבלעכקייט, ווי כביכול ברויך ער!...

נישט ווייניקער געלונגען און איינדרוקספול זענען אויך די שורות פונם ליד: „בנילי דער באַנקער", אין וועלכן ער רעדט אַרויס פונם דיכטערס האַרצן דער קאָנטראַסט פון פאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט, פון פילאַנטראָפּיע און אַל־טרואיזם, פון סאָציאַליזם און עגאָאיזם, ווען דער דיכטער זינגט:

קיינער ווייסט דאָך נישט אַזוי גוט ווי דו,
ווי איך ליב פון זילבער די רו,
און ווי איך האָב סכנותדיק האָלד —
די ליידנשאַפט פון גאָלד.
דו מיין שכינהניו, דו ווייסט דאָך,
וויפל אין זילבער איך האָב אַריינגעגאָסן טרערן,
און וויפל אין גאָלד, אַריינגעבראָקט טרערן.
וויפל פיוטים און געבעטן
איך האָב אין זיי אַריינגעקנעטן.

משה עובד איז טיף פאַרבונדן מיט דער מאמען — מיט דער שכינתא בגליתא; און ער האָט נישט אויפגעהערט נאָך עד היום הזה זיך אַרומצוטראָגן און צו דאַווענען אויס דעם קרבן מנחה סידור אין יידיש־טייטש פון זיין מו־טער ע"ה. ווייל עס איז אים דאָרט גוט באַקאַנט יעדער קנייטש, — פון די טייערע מאַמישע פינגער,'יעדער געלער פלעק, פון די הייליקע מאַמישע טרערן, און די אַלע פאַרבלייכטע בלעטער מיט די אָפּגעריבענע אותיות פון דעם גאַנצן שווער און ביטערן געמיט מיט דעם גרויסן בטחון, — און נאָך גרעסערער ליבע פון זיין, אונדזער אַלעמענס אָרימער יידישער מאַמען...

און ווען דער דיכטער בלעטערט אין די הייליקע געלע בלעטער פון זיין געטרייער מאַמעס קרבן מנחה־סידור, — ווערט זיין גייסט באַפליגלט און ער זינגט:

אַ מעשהלע דערצייל איך
פון אַ פרינץ אַ בן מלך,

פון מלך מלכי המלאכים —
פון מלכים אלפי אלפים.

דער פּאַלאַץ פון דעם פּרינץ
איז נישט אַ שטיקעלע פּראָווינץ;
נאָר די גאָרע גרויסע וועלט;
ווו אַלעס אַרום נאָר קוועלט.

— — — — — — — — —

אָ קינד מיינס זיי געטרייסט, —
נישט טרויער מיין לעבן, מיין גייסט,
דיין פּאַלאַץ איז דאָך דער שענסטער,
די שטערן דיינע פענסטער....

מען קען מיט אַ גוטן געוויסן זאָגן. אַז עס איז משה עובדן אין אַ סך פאַלן געלונגען זיינע מיסטישע געפילן און געדאַנקען צו געשטאַלטיקן אין פיינע אַלעגאָריעס און סימבאָלן.

אָבער זיין גרויסן דיכטערישן חוב, — וועלכן ער איז שולדיק זיין מאַמע־לשון, וועלכעס ער ליבט איבער אַלעם אין דער וועלט, זוכט ער צו באַצאָלן נישט נאָר אַליין מיט זיינע בונטע לידער, נייערט אויך מיט זיינע אָריגינעלע דערציילונגען וועלכע פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיקן ריטם און סטיל (און לייענען זיך פשוט אויך אַזוי ווי לידער), און נישט אַ האָר וויניקער אויך מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, — אין וועלכער ס׳קומט אַמבעסטן צום אויסדרוק דער ליבער, פשוטער און באַהאַרצטער פאָלקסטימלעכער מענטש, משה עובד.

---

## מאטעס דייטש

## דער באשאפער שרייט אויס

(יצחק בערלינער, „שטיל זאָל זיין“, פארלאג צבי קעסל־מעקסיקע)

דער בורא עולם האָט איינמאָל אויסגעשריען: יהי אור; גיכער אויסגע־רופן און דאָס ליכט איז געוואָרן און פאַרבליבן אַד־אינפיניטום. דער מענטש, דער באַשאַפער האַלט אין איין שרייען (אַ סך מאָל געוואַלדעוועט ער) אויס־רופן אַליין איז ניט גענוג ביי אים ווייל ער האָט צופיל צוהערער! דער מינד־סטער שעפער ביי אונדז מענטשן, האָט געוויסע צוהערער, בעת דער בורא עולם האָט ניט געהאַט קיין צוהערער — ער האָט איצט אויך ניט — ער האָט גערופן פאַר זיך און טאַקע נאָר צוליבן באַשאַף...

דער מענטש, דער באַשאַפער, ראַנגלט זיך מיטן באַשאַף דעם מענטש פונם אַלוועלטלעכן ערשטן באַשעפער און ער קען זיך קיין עצה ניט געבן מיט אים. ער האַלט אין איין שרייען: שטיל זאָל זיין! און וואָס מער ער שרייט צו אים — קינסטלעריש צי נביאיש; אַפילו וויסנשאַפטלעך — אַלץ ווינצי־קער הערט ער זיך צו צו אים.



יצחק בערלינערס „שטיל זאָל זיין“, איז אַ ריין קינסטלערישער און יידיש־טראַגישער. ער האָט אַסאָציאירט זיך דווקא מיטן חומשדיקן „יהי אור“ אָבער ס׳איז אַלץ אַ ווענדונג צום בן־אדם און זיינע מעשים. ס׳איז נישט קיין זינד קעגן גאָט אַליין נאָר קעגן — מענטש מערסטנס!

יצחק בערלינער איז דער פּאָעט פון פיר ביכער, פיר שטאַפּלען אַרויף. ס׳איז אוודאי גרינגער פיר שטאַפּלען — אַראָפּ. דעריבער ווען אַ דיכטער מיידט אויס „דעם אַראָפּ“ איז עס ווערט צו דערמאָנען ווייל ס׳איז די פרייד פון דער גאַנצער ליטעראַטור.

בולט איז יעדן דיכטערס אויסגעפּורעמטקייט פאַר דער מוזיקאַליק פון טאַקט און אַקצענט, פאַר דעם וואָרט־געבוי פון דער לעקסיק; אַפילו פאַר די טיטלען פון לידער־ביכער: „דער גייער“, „אין קיינעמס לאַנד“, „פּאביוס לינד“, „יידיש טייטשן“, „בראשית אין מיטן“, „אין געוועב“, „לאַמטערן אין ווינט“, „דזשיקי גאַס“ און אַזוי אַן אַ שיער אַנדערשקייטן וואָס זיינען דאָס אייגנס נאָר פון אָט דעם און אָט דעם דיכטער און מיט קיין אַנדערן קענט איר אים ניט פאַרבייטן; דאָס דאָזיקע איז דער עסענץ און די גאַנצע סענסיבילי־טעט פונם דיכטערס איביק לעבן און טראַכטן — זיין דערגאַנגענע מדרגה וואָס טראָגט אונז אַקעגן זיין דיכטער־וועלט צו דער פאַרגאַנצטקייט אינם קרייז פונם אייביק־שאַפנדיקן אַלזיין אינם אין־סוף.

דער נאָמען פון בוך גיט שוין ממילא די קרעדאָ פונם דיכטער. אויך אַזוי איז עס מיט אַן איינציק ליד צי אַפילו איינציקע ווערטער; און בפרט בנוגע דער גאַנצער נאָמענקלאַטור פון אינהאַלט און סטרוקטאָר.

דער פּאָעט פון „שטיל זאָל זיין“ רעדט מיט דער חכמה פון יידישע דורות, מיט דער טראַגיק פון אַ יידן און מיט דער קלוגשאַפט פון די אַלצייטיקע יידי־שע פּאָעטן. דעריבער איז איבעריק צו זאָגן אַז דער פּאָעט איז דורכגעשאָסן אין הוילע ווונדן פונם בראַנדיקן היטלער־ווולקאַן וואָס האָט אונדז פאַרשלונגען דאָס געביין און דאָס געדעכעניש אין אַ פאַרטיליקטן חורבן.

„און קין ליבט בלוט און געוויינען און דו ביסט געטריי אים,
נעם הימל דעם אַלטן אַראָפּ, וואַרף אים צום שאול תחתיה —
איך וויל ניט ס׳זאָל פינקלען מיט בלוי אויף מיין טרעריקער וויע“.

און די זון באַווייזט זיך צו אים אין סומירונג: דצ״ך עד״ש באה״ב... איך וועל בכיוון אָפּציילן אירע טראַנספיגוראַציעס אינם דיכטערס זעען זי אין דער אַנדערשקייט פאַר אים:

„בלויז די זון — די רויטע נול.
די זון — די פייערדיקע פויסט.
די זון — דער פאַרבלוטיקטער שטעמפּל.
שטראַלן פון דער זון — באַנדאַזשן.
די זון — אין בלויער הויך, בלייבט הענגען, ווי אַן איבעריקע פענדולע —
זון — אויף הימלישן געוואַנט“.

דער יידישער חורבן האָט פאַרענדערט אַלצדינג פאַרן דיכטערס אויגן און זיינע אויערן פאַרנעמען ניט קיין אַנדער געהער:

„דער נאַכטיקער הימל — אַ גראַמאָפאָן־פּליטע
מיט אייביקן גרילץ.
די שטומפּיקע נאָדל — אַ שטראַל פון לבנה —
וואָס רימפּלט און ראַצט״.

די גאַנצע פּאָעטיק מיטן פאַרצייטיקן קלאַפּערגעצייג האָט זיך אָפּגעטאָן פונם דיכטער; דער פּאָעטישער קאָנצעפּט פון אַמאָל וואָס יעדער פּאָעט האָט עקזאַלטירט פון זיך ווי אַ געוווינהייט. נשמת כל חי תברך את שמך צוזאַמען מיט דער פאָרשטעלונג פונם יש־מאין זיינען ווי פּרוכנע תכריכים וואָס דער דיכטער האָט זיך מורא אָנצורירן אָן זיי:

„און ער אַליין, גאָט, ווי אַן אַלטער מאַרקיז,
באַטראַכט אונדז דורך זון — זיין מאָנאָקל — — — —״

ס׳אַראַ וויסטע סאַטירע דער דיכטער גיסט אויס אינם צוגאָב צום אַלטן אומאויפהערדיק פרעגן, פרעגן און איבערפרעגן דעם וועג פון יושר, מזל, שלוה, גורל, שלום — גאָט.

זיין אָפּטייל: „פאַרלאָשענע שטערן״, איז פול מיט די אייביקע טענות צו די הימלען, שטערן, לבנה, מלאכים און גאָט. דער אוניווערסאַלער הימלישער דעקאָראַטיוו וואָס ווערט געטראָגן אויף די פּלייצעס פון דיכטער און קינסט־לער אָן אַ סוף; די אייביקע פאַרכלינעטע קינדער פון דער אומענדלעכער שיינ־קייט פונם אל־באַשאַף. כאָטש דער לייטמאָטיוו איז ביי יצחק בערלינערן דער אַלט־פאַרצייטיקער פּיוט וואָס ווידערהאָלט זיך אין בוך ווי די פיר זמנים פון יאָר; פונדעסטוועגן, אַפילו נאָך אָט אַזאַ־אָ זאָג: „איך שטיי אויף לייב פון לעבן, ווי אויף בר־מינן — אַ ראָב״ — שפּרודלט פון אים אַרויס דער מאַ־זשאָרנער טאָן:

„איך זע דעם ווערט
פון חלומן אין וואָר,
אין טיפעניש פון האַרץ פאַרמאַכט״.

אָדער:

„דאָס לעבן האָט אַזויפיל מיאוסקייט און אַזויפיל חן,
אַזויפיל טוגנט און נאָך מערער זינד —
ווען ערד איז דורכגעווייקט אין בלוט, זע איך דאָס פעלד וואָס גרינט״.

די אויבנגעבראַכטע ציטאַטן זענען פון דער פּאָעמע „ביים גורל אין די הענט״. זי ענדיקט זיך מיט אַזעלכע העלע פערזן וואָס גרעניצן זיך מיט אַ סימבאָל וואָס קאָן גרינג איבערגעטראָגן ווערן אויפן יידישן פאָלק:

„אויף פּנים האָט די צייט — די רייבנדיקע פייל —
אַזויפיל קנייטשן אויסגעפיילט — —״
און איך, — ווי האָפערדיק און יונג געבליבן בין —



איך שפּאַן איבער מיינע יאָרן און איך גיי
ווי דאָריאַן גריי.
(ביי אָסקאַר ווײַלד).

די לעצטע שורה האָב איך פאַרקייטלט מחמת זי איז אינגאַנצן איבעריק כאָטש דער „דאָריאַן גריי״ איז אויך ניט פון די קליינע דיסאָנאַטלעך. וואָרים אַ דיכטער וואָס איז דורכאויס מיטן אַלטן טראָפּ (אין זיין צופיניקטקייט) מעביר־קלאָגן דאָס אַלטע און דאָס נייע ווי מען איז מעביר די סדרה, האָט ניט געטאָרט דורכלאָזן אַזאַ גרינגען גראַם ס ם מיט אל קאיאם. זיי זענען פריקרע גראַמען אינם בוך וואָס שלוכצט מיט דעם באַקאַנטן געוויין פון די פּייטנים.

אין אַלגעמיין, שרייט דער ייד ניט־איבער דעם פּאָעט און דער פּאָעט — איבערזינגט נישט דעם ייד; און דאָס איז אַ מדרגה ביי יצחק בערלינער. אַ מדרגה וואָס דער עכטער דיכטער מוז זי דערגרייכן.

די אמתע אויפגעהייטערטקייט קומט צום דיכטערס אויסדרוק אין זיין פּאָעמע: „אַזוי זאָל ברענען יעדע דייטשישע שטאָט״. דאָ האָט אויפגעקאָכט דעם דיכטערס האַרץ און אַלע שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך אויסגעגאָסן אינם שוועבל און פעך פון סדום־ועמורה; נאָכן פרומען זיך־אויסטענהן פאַר גאָט־און־לייט, איז דעם דיכטער גרינגער געוואָרן דאָס בלייאיקע געמיט און ס׳האָט זיך אָנגעגליט דער מאַזשאָרנער טאָן פון נקמה! די פּאָעמע לייענט זיך געציקלט ווי אַ הויך שטיקעלע הפטורה און עס שאַלט אָפּ דעם פינאַל מיטן יידישן חזק! חזק! ונתחזק!

פּיקטורעסק איז דער אָפּטייל: „מעקסיקאַנישע מאָטיוון״. ס׳איז אַ רינגל־דיקער צוגאָב צו דער אַלפעלקערישער פּאַנאָראַמיק אין דער יידישער פּאָעזיע וואָס איז פול מיט אַל־לענדערישע און אַל־פעלקערישע מאָטיוון און קאָלאָריט פאַרטראָטן ביי אונדזערע פּאָעטן.

„שטיל זאָל זיין״, איז נאָך אַ שטאַפּל צו אונדזער מאָנומענט: חלום און וואָר.

## י. א. ליסקי

## פיינע בילדער אויסשטעלונג פון א באשיידענעם קינסטלער

אויף אַ פּשוט שטיקל פּאַפּיר אין דער העלפט איינגעבויגן איז פון פאָרנט אָנגעשריבן: מאלעריי פון נאטאן הענדל, און אונטן איז אָנגעגעבן דער נאָמען פון דער גאַלעריע. אינעווייניק זענען אויף ביידע זייטן פאַרצייכנט ניין און דרייסיק בילדער, מיט זייערע נעמען און פרייזן, און אין איין שורה איז צו־געגעבן, אַז די אָנגעגעבענע פרייזן שליסן נישט איין די הוצאות פאַר איינ־פּאַקן און אָפּשיקן. דאָס אַלעס. דאָס פערטע בלעטל איז אינגאַנצן ליידיק. עס ווערט נישט דערציילט ווער דער מאָלער איז, פון וואָס פאַר אַ יחוס, פון וואַ־נען ער שטאַמט, צו וועלכער שולע אָדער ריכטונג ער געהער; גאָרנישט. אַ פרעמדער מענטש קען נישט וויסן צי הענדל וווינט אין ענגלאַנד, אָבער, אַז

ער איז אַ ייד, דאָס קען מען תיכף זען לויט די נעמען פון עטלעכע בילדער, און טאָקע לויט די נעמען, ווייל אין דער מאלעריי איז הענדל קודם אַ קינסטלער, אַ קינסטלער מיט געפיל און מיט אַן אויסגעכאַוועטער קאָנצעפציע, אַז קונסט איז דער אינטימסער ענין בלויז פון קינסטלער און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פראָפעסיע; מ׳דאַרף לאַנג, לאַנג מאָלן ביז ס׳מאָלט אָן אַ גוט בילד און דער עיקר איז די פאַרשטענדעניש פאַר מישן די פאַרבן און אַרויסבאַקומען די קאָלירן אין דער ריכטיקער מאָס און פראָפאָרץ. די דימענסיע און פערספעקטיוו איבער דער פלאַכקייט זענען נישט אַזוי וויכטיק, ווי ס׳איז וויכטיק דער געמאלענער אונטערגרונט; און הענדל דערציילט אַזאַ מעשה׳לע:

— אַ באַגייסטערטער יונגער קינסטלער איז אַמאָל געקומען צו דעם גרויסן איטאַליענישן מייסטער רובענס און פאַר לויטער פאַרערונג און באַגייסטערונג, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „מייסטער, לאָזט מיך פאַר אייך כאָטש מאַכן אַן אונטערגרונט אויף אַ לייוונט". רובענס האָט אים אָנגעקוקט און אים געענטפער: „מיין ליבער פריינט, איך קען נאָך אַליין נישט מאָלן קיין אונטערגרונט". יעדער אויפריכטיקער און עכטער קינסטלער ווייסט, אַז דער אונטערגרונט פון אַ בילד איז אין זיין רעלאַציע צום בילד, דאָס וואָס ס׳איז די הויט צו אַ לעבעדיקן געזיכט. אין דעם פאַל איז איינס און איינס — איינס, ליכט און שאָטן צווישן פאַן און קאָמפּאָזיציע איז דער רוח החיים פון דער געשאַפענער מאלעריי, אין קאָנטראַסט ליגט דער טאַלאַנט פונם קינסטלער. מען דאַרף נאָר אַ ווייז צו טאָן מיטן פינגער אויף רעמבראַנט׳ן. איך בין זיכער, אַז הענדל וועט מסכים זיין מיט מיין אויספירונג, ווי איך בין מסכים מיט זיין אויפפאַסונג.

הענדלס פיין געמאָלענע בילדער טראָגן אין זיך דעם חותם פון אַ קינסטלער, וואָס האַלט אויך, אַז דער אָביעקט וועלכן דער קינסטלער מאַכט לעבעדיק אויף דער לייוונט, דאַרף נישט זיין קיין ניכטערנע רעאַליטעט, נאָר דאַרף קומען צום אויסדרוק, ווי דורך דער אויפוואַכונג פון אַ חלום; אַלע הענדלס בילדער געבן איבער אַ געפיל פון אויפגעוואַכטקייט; דער סאַמע הפוך פון זיסלעכער ראָמאַנטיק און אַ סך, אַ סך מער פון ווירקבאַרער אימפּרעסיע. סעזאַן איז געווען אַ פאָליאַק און געלעבט אין פראַנקרייך. אפנים, אַז דער טאָן פון דער טיפער פוילישער פאַרבנרייכקייט און פראַנצויזישע אייגנשאַפט פון טעמפּעראַמענט, אַן אייגנשאַפט וואָס קומט נישט פון אַ לעבן און פון ברואים וואָס חלומען, נאָר וואָס קומט פון אַ לעבן וואָס געפינט זיך שטענדיק אין אַ צושטאַנד פון אַ נאָר וואָס אויפגעוואַכטקייט פונם חלום, זענען אַ געזונטע מישונג, אַזאַ קונסט איז פרישע און געזונטע קונסט, און לאָזט זיך שטענדיק באַוואונדערן. הענדל דערציילט, אַז נאָך אין פוילן, האָבן די בעסטע מייסטער באַוואונדערט זיינע בילדער. אַן ענגלענדער האָט זיינס אַ בילד אָנגענומען פאַר אַ רענואר. זעט דאָס בילד נומער 1, מיט דער אויפשריפט: „קול ברמה נשמה ושבו בנים לגבולם", וואָס הענגט אין דער גאַלעריע אין דער מזרח וואַנט די אויפגעוואַכטקייט פון אַ דורות לאַנגען חלום איז דאָ געמאָלן מיט אַ שטאַרקן קינסטלערישן כח. די גרינע עפל און די גרינע באַרן, די אָריענטאַלישע קאָמ־





אַ יידישע חתונה — נאַטאַן הענדל

פאָזיציעס, די פאָרטרעטן, און דער אָדער יענער טאָפּ מיט בלומען, זענען זיך ענלעך אין דער מאלערישער אויפפאַסונג און דורך אַלע לויפט דורך דער לעבעדיקער טאָן פון גרין. די זעלבע מאלערישע אויפפאַסונג קומט אויך צום אויסדרוק אין דער יידישער חתונה און אַנדערע יידישע טיפן. איר וועט שטענדיק דערקענען הענדלס אַ בילד; אין דעם גייט עס, און אין דעם שטעקט דאָך דער שטילער ווונטש פון יעדן קינסטלער: יעדער עכטער קינסטלער איז אָריגינעל. נישט אומזיסט האָט מאנע־קאַץ אַזוי שטאַרק צוגערעדט הענדלען צו מאַכן די אויסשטעלונג.

## יחזקאל נח ערליכמאַן

# קורץ פרייטאָג אויף אַ ברית

דער באַוויסטער רבי און גאון ר׳ יצחק מאיר אַלטער זצ״ל, באַקאַנט, אַלס דער מחבר פון די באַרימטע ספרים „חידושי הרי״ם״, איידער ער איז געוואָרן גערער רבי, ווען ער האָט נאָך געוואוינט אין וואַרשאַ, ווי אַ פּריוואַט מאַן, איז ער שוין געווען באַוויסט אין גאַנץ פּוילין פאַר דעם גרויסן באַרימטן גאון פון דיא חסידישע וועלט.

האָט עם אַמאָל איינער פון די וואַרשאַווער חשיבע בעלי בתים איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ ברית מילה, וואָס עס איז אויס געקומען ווינטער אין קורץ פרייטאג, אונד אויך דער דאַמאָלסדיגער ווארשאווער רב איז אויך געווען איינגעלאַדן צום ברית, דער רב איז גראד געווען אַ גרויסער מתנגד.

ווען דער רב איז געקומען, איז שוין דאָרט געווען פאַרזאמלט אַ גרויסער עולם, ער איז געווען, דאָרט אַ פּאָר מינוט, און דער ברית קומט נאָך אלץ נישט פאר. פרעגט ער דעם בעה״ב, פאַר וואָס הייסט די נישט מאַכן דעם ברית, ס׳איז דאָך היינט קורץ־פרייטאָג? ענפערט עם דער בעה״ב אַז מען וואַרט נאָך אויף רי״מ שליטא. מען האָט שוין געשיקט נאָך עס אַ שליח מיוחד, און וועט מסתמא באַלד אָנקומען.

עס האָט דעם מתנגדישן רב שטאַרק פאַרדראָסן, אַז ער, דער „מרא דאתרא״ זאָל דאַרפן צו וואַרטן אויף דעם חסיד. ער האָט אָבער פאַרביסן מיט די ליפּן, ווען ער האָט זיך אַרים געזען אַז מערסטענס געסט זענען חסידים.

באַלד איז טאַקע דער רבי אָנגעקומען, און ווען מען האָט שוין גענומען מאַכן די לעצטע הכנות צום ברית, פאַרגלוסט זיך דעם רב אַ טשעפּע צו טוען דעם רי״מ ז״ל, און זאָגט צו עם: „ר׳ איטשע מאיר! וואָס איז עפּעס מיט דעם וישכם אברהם בבוקר?״ — ער האָט געמיינט דאַמיט עם צו קריטיקירן. פאַר וואָס ער איז געקומען שפּעט, דען די גמרא לערנט אב פון דעם פּסוק, אַז צו אַ מצוה דאַרף מען צוקומען פרי „זריזן מקדימין למצוות״.

האָט עם דער רבי באַלד געענפערט: „טייערער רב! עס שטייט דאָך נישט וימל אברהם בבוקר, עס שטייט „וישכם״ און עס קאָן גאַנץ מעגליך זיין, אַז חאָטש איך בין געקומען שפּעט, בין איך פריער אויף געשטאַנען ווי איינער וואָס איז געקומען „פרי״. דער רב האָט עם געוואָלט עפּעס ענפערן, נאָר אין דעם מאָמענט האָט מען אַריין געברענגט דאָס קינד. דער בעה״ב האָט אָנגעהויבן איינצוטיילן די מצות און כיבודים צווישן די רבנים און צו די חשובע בעה״ב, און אַזוי איז שוין אַדוירך געגאַנגען דער ברית אהנע ווייטערע אינצידענטען.

נאָך דעם ברית האָט מען אַלע געסט אַריין געבעטען אין זאַל, ווי עס איז געווען צוגעגרייט אַ סעודה כיד המלך, און ווי עס פירט זיך, האָט מען פויער מכבד געווען מיט גלעזלעך משקה מיט לעקיך. נאָר שפּעטער ווען די משמשים האָבן צו געברענגט וואַסער פאַר נטילת ידים, באַמערקט דער רבי, אַז



דער רב זאָגט שוין די ברכה אחרונה און ער גרייט זיך שוין אַוועק צו גיין, זאָגט ער צו עם: „היתכן! איר וועט זיך דען נישט וואשען און מיט האַלטן די סעודת מצוה?״

„אַ סעודת מצוה איז פון די גרויסע מצוות״ — ענפערט דער רב — און וואָלט גערן מיט געהאַלטן. „עס איז דאָך אָבער קורץ פרייטאָג, און עס איז שוין שפּעט, און אויב מען עסט יעצט איז מען שוין זאט צו די סעודה פון שבת קודש, וועלכע איז אַ מצוה מען זאָל איר עסען לתיאבון [מיט אַפּעטיט].

„אָה!״ ענפערט עם דער רבי ז״ל וועגן דעם דאַרפט איר גאָר נישט זיין באַזאָרגט. דען אַ סעודת מצוה איז אַזוי באַטעמט, און אַזוי געשמאַק, אַז ווי פיל מען זאָל עסן קאָן מען זיך גאָרנישט זאט עסן. און איך בעט נאָך אַמאָל דעם געערטן רב, ער זאָל מיט האַלטן די סעודה, און עס וועט זיין ווי אין פּסוק שטייט, „טעמו״ [פאַרזיכט נאר] „וראו״ [און איר וועט זען] „כי טוב״ [אַז ס׳איז גוט].

די דברי צחות האָבן זער גוט געווירקט אויף דעם רב. ער האָט מיט געהאַלטן די סעודה, און זער פיין און געמיטליך פאַרברענגט צווישן די חסידישע סביבה, און ביים געזעגענען האָט ער שמייכעלדיג אויסגעדריקט זיין זארג: „ווער ווייסט צו איר האָט נישט געמאַכט פון מיר אַ חסיד, וואַרום איך הייב שוין אָן צו פאַרשטיין דאָס חסידישע ווערטל כאכילתכם כן עבודתכם״.

---

# דער ליטעראַרישער קאָנצערט פון „פריינט פון יידיש לשון״

דער ליטעראַרישער קאָנצערט פון „פריינט פון יידיש לשון״, דינסטאָג דעם 24־טן אָקטאָבער, אין גרויסן זאַל פון אַדלער הויז, איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט אַן אינטעליגענטן עולם. עס האָט זיך געפילט אַ יום־טובדיקע שטימונג.

די קלאַוויר דועטן פון גריג און דווארזשאַק, אויסגעפירט פיר הענטיק, פון סיליא ספּענסער און מיס סילוויא און די סאָלאָ פון שאָפּען „פּאָלאָנעז״ זענען געשפּילט געוואָרן מיט גרויס ווירטואָזיטעט.

יודעל גאָלדבערג האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם מיט זיין נייעם פּראָגראַם פון יידישע פאָלקס לידער, בעיקר מיט זיין חתונה ליד וועלכעס ער האָט פיין אַרטיסטיש אויסגעאַרבעט, באַגלייט פון די קלאַוויר קינסטלערין מאַדאַם קאָען.

מיט גרויס באַגייסטערונג איז אויפגענומען געוואָרן די באַרימטע וואָרט קינסטלערין רחל האלצער, וועלכע איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן. שוין איר פאַרנעמע דערשיינונג אויף דער בינע, האָט געמאַכט אויף דעם עולם אַ גרויסן רושם.

די פאַרליינונג פון די מאָדערנע יידישע דיכטונג פון יעקב גלאַטשטיין, שימעל און אַנדערע האָבן געווירקט שטאַרק עמאָציאָנעל.

איר פאַרלייענען י. ל. פרץ'ס „אַ כעס פון אַ יידענע" איז געווען אַ מייס־טערשטיק. זי האָט געלייענט דעם טעקסט, ווי אַ גוטער בעל קורא, וועלכער פאַרפעלט נישט איין טראָפּ. איר גאַנצער האַלטונג און יעדער באַוועג איז געווען אַ מאָדעלירונג. זי האָט ממש געווירקט אויף די צוהערנדיקע, ווי אַ מע־דיום אין אַ טראַנס. דער עולם וועט גוט געדענקען אונזער לעצטן אָוונט.

עס איז ווינטשנסווערט, אַז אַזעלכע קאָנצערטן זאָלן וואָס מער פאָרקומען.

## דער קאנצערט פון שולמית דן יחאי

די מוזיקאַלישע קאָנצערטן, וואָס קומען פאָר אין אַדלער־הויז, האָבן זיך אָנגעהויבן צום הייאָריקן סעזאָן מיט העברעאישע און ענגלישע קאָמפּאָזיציעס פון שולמית דן־יחאי. געזונגען די לידער האָבן די באַקאַנטע זינגער העלען קיטיי און מאַרק ראַפאַעל.

די קאָמפּאָזיציעס האָבן געמאַכט אויפן עולם אַ גרויסן רושם און בעיקר די העברעאישע קינדער־לידער וואָס האָבן אין זיך אַ סך הומאָר און מוזיקאַ־לישע באַוועגלעכקייט. די קאָמפּאָזיטאָרין האָט די קינסטלער באַגלייט אויפן קלאַוויר. זי האָט אויך געשפּילט בעטהאָווענס אַ סאָנאַטע מיט גרויס מייסטער־שאַפט און פאַרטיפטקייט.

מיר מוזן נאָך אַמאָל דערמאָנען די אָנפירער פון די קאָנצערטן, אַז מוזיק פאַר די מאַסן אין ווייטשעפּל אָן יידישע לידער און יידישע מוזיק איז אַן אַרבעט נישט קיין גאַנצע.

אויך ווילן מיר זאָגן, די זייער טאַלענטירטע קאָמפּיזיטאָרן שולמית דן יחאי, אַז איר טאָן־באַוועגלעכקייט און הומאָרישטישע נאָטע וואָלט אפשר דייקע זיך צוגעפּאַסט צום יידישלעכן ליד. איד יידישלעך־אַראַמעאישער „חד מן ידעה" וואָס דער כאָר האָט געזונגען, און אויף דעם עולם געמאַכט אַ גרויסן רושם, זאָגן שוין עדות דעראויף.

ש.

## תקון טעות

אויף זייט 39 פונעם אינטערוויו „אַנ'אוצר פון יידישן גייסט" דאַרף זיין: „אַ משנה, געדרוקט אין 1492 אין נעאַפּעל". און נישט „1942 אין נעאַפּעל".

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 4־טן נאָוועמבער — מאָריס באַניסטער — יידישע פאָלקס לידער.

שבת, דעם 11־טן — רעציטאַציעס פון לאָנדאָנער יידישע פּאָעטן.

שבת, דעם 18־טן — אַ פאָרטראַג פון מ. מינדל איבער ליטעראַטור.

שבת, דעם 25־טן — געווידמעט די אַנשטייאיונג פון מדינת ישראל.



לעקציעס איבער יידישער געשיכטע און איבער יידישער ליטעראַטור

לעקציעס וועלן פאָרקומען צוויי מאָל אין דער וואָך, מאנטאג און דאָנערשטאָג, 7.30—9.30 אין אָוונט. זיי וועלן געהאַלטן ווערן אין יידיש, אַ ביליג צוגענגליכער קאַנטין אויפן אָרט.
דער אָנפאַנג פון קורס, דאָנערשטאָג, דעם 5־טן אָקטאָבער 1950, 7.30 אָוונט.
פאַרן באַטייליקן זיך אין דעם גאַנצן קורס 6 שילינג, פאַרן גאַנצן יאָר
אָנפראַגן ביי מיס ראמזעי, מ.ב.ע., ב.א., פרינציפּל פון
BERNER STREET, LONDON, E.1.
צווישן 9—5 אין אָוונט. טעלעפאָן: ראָיאַל 1650
FAIRCLOUGH ST. L.C.C. INSTITITUTE
*Telephone*: ROYAL 1650

---

אין חדר אריין . . 10 שילינג
אין זכות פון די טעג . . 5 שילינג
זינגענדע רעיונות . . 7 שילינג 6 פענס
די גאולה שעה . . 7 שילינג 6 פענס
וויזיאנען און איידעלשטיינער . . 1 פונט
(אין דריי טיילן, אילוסטרירט)

די ביכער צו באַקומען דירעק פון מחבר:—
MOSHE OVED, 26 *Museum Street, London, W.C.1.*

---

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטאג, דעם 3־טן דעצעמבער
אין לאָקאַל פון
„בן-אורי" קונסט גאלעריע
14 פאָרטמען סטריט וו.1
א חנוכה-אוונט

דאָראַ דימאָנט, י. ביעטש, נ. רובין,
אייזיק גאָלדבערג און רעוו. ש. ראָטה.

פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 131) עלפטער יאַרגאַנג דעצעמבער 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

I. די אויסגעגאַנגענע „צייט" ...................................
II. „דער קעניג איז געשטאָרבן — זאָל לעבן דער קעניג"! ..........
III. אַ סך־הכל־געדאַנק אין מיטן יאָרהונדערט.......... ** 1
טראָצקי (אַ תל־אַביבער טיפּ)..........................יוסף נוימאַן 5
איך ליב..., פאַרגיב מיר גאָט (לידער)...................דוד אַפּאַלאָוו 9
די שבעה (ראָמאַן)..................................לעאָ קעניג 10
פּאַריתומטקייט, דער חשבון פון גאָרנישט (לידער)......אביגדור המאירי 14
אַ געזאַנג (ליד) ..................................רחל דון־יחיא 15
ווינטער (ליד)......................................דר. א. ר. סען 16
אַ פענסטער אין שאָרדיטש (סוף)...............בן־א. סאָכאַטשעווסקי 17
חנוכה סאָנעטן און לידער.........................א. נ. שטענצל 22
מכבי אונטער די פענער פון צענדליקער מדינות אין ישראל..........
אפרים טוביהוויץ 26
שיבת ציון אַמאָל און היינט (סוף)..............דר. יעקב י. מייטליס 29
אָ, גיב מען די שלווה (ליד).....................אריה שדמי־שאָפּנפעלד 34
וואָס וועט פירן צו יידישער גאולה (עסיי)...........יוסף הלל לעווי 35
די געשיכטע פון שקל.................................יוסף פרענקעל 38
איבער אַ בוך — „וויזיאָנען און איידלשטיינער"..............ס. פּאַלמע 42
לאָנדאָנער קולטור ידיעות.......................................... 45
אַ בריוו פון הרב שפּעטמאַן...................................... 47
יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן.......................................ש. 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס...................... 48

פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים

אבאָנענטס־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*